NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13292

# FEDKE KHALEMITNIK

Volodymyr Kyrylovych Vynnychenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פיאנערן
שול
ביבליאטעק



ו. וויניטשענקאָ

# פעדקע כאלאמיטניק

№ 12

קאאפעראטיווער
פארלאג
קולטור-ליגע

BROOKLYN, N.Y.

[891.79—3]

שול- און פּיאָנערן-ביבליאָטעק

ו. וויניטשענקאָ

# פעדקע כאַלעמיטניק

אידיש — י. קיפּניס

№ 12

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו — 1926

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק“,
4-טע דרוקעריי, וואראווסקעגאס 42
באַשט. 1409. געדרוקט — 3000
קיעוו, אוקרהויפטליט № 13519

דאָס איז געווען אן עמעסער מאַזיק, א כאלעמיטניק.

ס׳איז ניט אוועק קיין איין טאָג, אז עמעצער זאָל זיך ניט קומען קלאָגן אף פעדקען. דאָ האט ער אויסגעזועצט א טאפליע מיט א פייל פון זיין ראָגן-ביקסל, דאָרט האָט ער איבערגעקערט א דייזשע רעגנוואַסער, וועלכע א שאָכן האָט קאם מיט צאָרעס אופגעקליבן, דאָ האט ער זיינעם א לייבלעכן כאווער אן אויג אונטערגעשלאָגן.

ניט אנדערש, סיידן א ניט-גוטער האָט זיך ארייַנגעקליבן אין דעמדאָזיקן איינגל!

אלע קינדער — זיינען זיך קינדער מיט לייטן גלייך: שפילן זיך ווי קינדער, פאַרברייַנגען צווישן זיך אי שטיל, אי שיין, אי פיין. פעדקע אָבער מוז זיך פאַרטשעפען מיט יענעם, מוז אי־בערקערן מיט די פיס ארוף אַלץ, וואָס אים שטייט פאָר אפן וועג, ווארום אים דאכט זיך, אז קיין זאך איז ניט אפן אָרט. בּיכלאל איז פעדקע שטענדיק אין קריג מיט „צו שטיל" — טאָמער איז „עפּעס" צי „עמעצער" צו שטיל, קאָן ער ניט פאַרנעמען, און מוז מאַכן ס׳זאָל טראַסקען.

אָט קלעפּט מען, צום בּיישפּיל, שטיבּעלעך פון זאַמד. בּא פעדקען פאַרן שטוב איז דאָך די גאַס ניט קיין ברוקירטע (און די פערד זינקען דאָרט שטענדיק אינם זאַמד), איז נאך א רעגן ווערט אָט דער־עלבּער זאַמד אזוי פייכט און אזוי קלעפּיק, אַז דו קענסט פון אים מויערן די שענסטע און בּעסטע הייזלעך. דו שטעלסט זיך אנידער די פּוס, לייגסט זי ארום מיט זאַמד, פּאַטשסט איין אבּיסעלע דעם זאַמד אַרום און אַרום, דערנאָך שלעפּסטו

פאַמעלעכקע אַרוים די פוס — און אָט האָסטו דיר א פאַרטיקע שטוב. ווער ס'וויל, קאָן זיך נאָך צומאַכן א קוימען. דערנאָך מוי-ערסטו אויס א פלויט ארום שטוב. פון יענער זייט פלויט שטעקסטו אָן אסאך שטרייעלעך — און נוץ דיר געזונט א שיינעם סאָד! צווישן די הייזלעך איז נאך דאָ א ברייטע גאַס — קאָן מען זיך אַרומגיין איינער צום אנדערן אין געסט.

פעדקע, — א יאַטל דאָך ניט אבי-ווער — האָט זיך זיין ווינקל, שטייט ער אויך און מויערט. אָבער פלוצים, אז ער כאַפט זיך דיר נישט אויף, און טו א קוק, — ער האָט צעשמעטערט און אף אַשפע צעטראָגן אייגן און פרעמד גוטס. און ער שטייט נאָך און קוואָליעט.

און זאל נאר עמעצער וועלן ווערן אין קאַס, אָדער זיך צע-וויינען, וועט אים פעדקע ניט קאַרגן א זעץ אין זייט אריין אויך.

זיך שלאָגן מיט פעדקען? בעסער הייבט זיך ניט אָן. ער איז דער געזונטסטער יאַט אפן גאַנצן ווינקל. אַ נו, פרואוו זיך מיט אים פארנעמען! וועט ער דיר גלייך אונטערשטעלן א פיסל, דיר אָנברעכן די ביינער און דערנאָך. פאַרלייגנדיק די הענט יענעם אַף אונטן, פרעגט ער:

— נו, וואָס? דו האָסט אָפגעלייזט פאר דיינע עטלעכע גילן? גיב לאָשן!

איז אויב יענער וועט ענטפערן — יאָ, אָפגעלייזט — קאָן ער נאָך ארויס א גאַנצער. זאָל ער זיך אָבער פרואוון שפּאַרן, וועט ער ווייטער קריגן געבראָכענע ביינער.

צי אמאָל לאָזן די כעוורע א שלאַנג אינדערלופטן.

דער פלאַץ איז א גרויסער. ניט קיין הייזער, ניט קיין קלייטן פאַרשטעלן ניט די לופט, ס'איז שוין דאַווקע פאַראַן וואו זיך צעטראָגן, דערצו נאָך איז א ווינט אזאַ, וואָס בעסער דאַרף מען ניט.

לאָזט מען ארויס דעם שלאַנג.

פעדקע זיצט זיך באַ זיך אַפן טויער, ווי אמאָל „סאָלאָוויי דער גאַזלען" אַפן בוים, און קוקט זיך צו. שטענדיק האָט ער

דיר ליב אָדער אַף די דעכער זיך קלעטערן, אדער זיצן אַפן טויער.

דער טויער איז א הויכער און פונויבן זיינען ברעטלעך אָנגעשלאָגן. ניט ווי א פעסל קומען זיי אויס — ניט ווי א קאַסטן. איז דאָרטן זיצט ער איצטער, פעדקע.

— מ׳קאָן לאָזן! — רופט אויס דער, וואָס האַלט דעם שלאַנג.

דער שלאַנג רייסט זיך ארויס אף דער פריי, אָבער ער פליט ניט — ער הינקט אונטער און קלאַפּט זיך אַלע רעגע אָפּ אָן דער ערד.

פעדקען איז שוין אַפן אָרט פאַרדראָסיק: טיפשים וואָס זיי זיינען, דער עק איז דאָך צו א קורצער! אָבער ער זאָגט ניט גאָרניט. ער שווייגט. ער קלערט, דאַכט זיך, גאָר וועגן עפּעס אנדערש.

די יאַטן שטויסן זיך אבי ווי אָן. וואָס דאָ פעלט, אין בינדן צו צום עק א ווידעלע פון צייג. דאָ נעמט זיך דער שלאַנג פונדערגרינג ציען ארויף. גרינג, לופטיק און מיט אַ גוטן מוט.

ס׳איז מאמעש א מעכאיע צו האַלטן אזעלעכס אין די הענט! דער ווינט איז אַן אויסגעצייכנטער. איצט האָסטו נאָר איין ארבעט — נאָכגיין און צעוויקלען דעם פאַדעם (דערצו פאַרגעס נאָר ניט אַכטונג געבן, די קניפּלעך זאָלן זיין גוט פאַרבונדן). דער שלאַנג שטייגט. שפילט זיך אינדערלופטן. כיינט זיך אין מאַכט אלערליי קונצן.

ער דרייט זיך, ער פרייט זיך, און ווי ער וואָלט וועלן עמעצן איינראַמען עפּעס א סאָד אפן אויער, אזוי בייגט ער זיך צו דאָ פון דער זייט און דאָ פון דער צווייטער. און אויב מ׳קאָן נאָך צושפּיליען א קאַלאַקאָטקעלע צום שלאַנג, דעמאָלט צעגייט אַזש דאָס האַרץ פאַר פרייד! ס׳גאָר ניט שווער דעם גאַנצן טאָג פון אינדערפרי ביז נאַכט שטיין און האַלטן דעם קאָפּ פאַריסן און אכטונג געבן אַפן שלאַנג. און דער הימל איז דאָך א הויכער — א הויכער, א בלויער און א קילבלעכער. און דער שלאַנג

אונטערן סאמע הימל וויגט זיך א קלאָר-וויסער. מיטן עק מאַכט ער זיך פונדערגרינג, פונקט ווי ער שווימט. און מ׳קאָן מיינען, אַז ס׳איז אים אוודע הייס, און ער פאָכעט זיך ארום פוילבלעך-רואיק מיט זיין אייגענעם פאָכער. קאָם וואָס מ׳הערט גראַגערט נאָך צו אינדערהייך דאָס קאָלאָקאָטקעלע. איר זיינט א מייוון? כוצדעם, וואָס ס׳איז דאָ וואָס צו זען, איז פאראַן וואָס צו הערן אויך! ניט אנדערש, אז הריצקאָ אָדער סטיאָפקע שטייען דאָרט פונויבן, ציען פאר דעם פאָדעם, שטויסן דאָרט, און דאָ הערט מען, ווי ס׳גראגערט אָן אן אופהער.

דער פאָדעם האָט זיך אויסגעבויגן אין א האַלבער רייף. אַך, ווייזט אויס, אַז די פענטע איז ניט געראָטן ארויס! וואָרום מאַכט מען גאָר גוט די פענטע, וועט זיך דער פאָדעם קיינמאָל ניט בייגן אין קיין האַלבער רייף. נו, מיילע, ס׳גאָר ניט. צעוויקל וואָס ווייטער.

דער פאָדעם שניידט שוין אין האַנט. דאָס איז אָבער גאָר פון די קלייניקייטן. און דער שלאַנג וואָס ווייטער, גייט ער אַלץ מער אוועק אין הימל אַריין און ווערט אַלץ קלענער און קלענער.

— איצט קנאַקן מיר אוועק א טעלעגראמע!

און אַז גערעדט - איז געטון.

א טעלעגראמע געבן, דאָס איז דאָך גאָר ניט אַזוי פון די שווערע זאַכן: מ׳שטעקט אָן א שטיקעלע ווייס פאַפיר אַפן פאָדעם, מ׳טוט א שטופּ אונטער דאָס שטיקעלע פאַפיר ארופצו, כאַפּט אונטער דער ווינט דאס שטיקל פאפיר און ס׳גייט זיך שוין א טעלעגראַמע.

אָט האָט זי זיך פארטשעפעט פאר א קניפּיקל, און שלאָגט זיך, און רייסט זיך. אָט וועט זי באלד א געשריי טון אראָפּ: „קוקט, מ׳לאָזט מיך ניט!..‟ אָבער דאָ דאַרף מען א צופּ טון דעם פאָדעם. דער ווינט כאַפּט זי ווייטער אונטער, און דאָס ווייסע בסורעלע איז זיך פונדאָסניי אוועקגעשוואומען אין דער הייך. אָט איז זי שוין ניט ווייט. זי איז אף דעם אָרט, וואו האַווריק

אפילע זעט שוין ניט ארויס דעם פּאָדעם. אָט-אָ-טאָ וועט שוין דער שלאנג איבערלייענען די טעלעגראַמע.

אָבער דאָ דערהערן אַלע איניינעם פּלוצים א געשריי און זיי דרייען אויס די בליקן פונם שלאַנג אַראָפּ אף דער ערד. פּעדקע גייט. ער גייט און הוקעט. ער וואָלט קאָנען אונטערגיין שטילינקערהייט אייך, אז קיינער זאָל אפילע קיין פּיפּס פון אים ניט הערן. אָבער פּעדקע פארלאַנגט עס ניט. פּעדקע קאָן באשטיין, ער זאָל אויסרופן פונדערווייטן, וואס ער דאַרף:

— אנו, הער, ווי מ׳רופט אייך דאָרט? דערלאַנג אהער דעם שלאַנג!

— ער וועט אָפּנעמען, פּעדקע גייט אהער אָפּנעמען דעם שלאנג. די הענט אין די קעשענעס. דאָס היטל אף א זייט. ער גייט זיך ניט געאיילט. פון אנטלויפן זאָלסטו אפילע ניט קלערן, ווארום פּעדקע וועט דיר דעם בעסטן הונט אריבעריאָגן.

די יאטן כאַפּן וויקלען אינדערגיך אף צוריק דעם פּאָדעם. אָבער דאָס קאָן זיי העלפן, ווי א טויטן באַנקעס...

— דערלאַנג אהער דעם שלאַנג! — פּעדקע איז שוין אָנגע־גאַנגען גאַנץ נאָענט.

האווריק האָט אָנגעשטעלט „הובעס” און קוועטשט זיך אף וויינען. סטיאָפּקע איז געוואָרן בלייך ווי די וואנט, אָבער ער וויקלט אַפּגיך דעם פּאָדעם, ניט אראָפּלאָזנדיק דערביי קיין אויג פון פּעדקען. ספּירקע האָט אופגעהויבן פון דער ערד א שטיין און שרייט:

— נו, פּרואוו, פּרואוו נאָר צוגיין אהער.

אָבער פּעדקע ער זאל כאָטש די הענט ארויסנעמען פון די קעשענעס! ניין, ער גייט גלייך.

— דערלאַנג אהער דעם שלאַנג!

דאָ נעמט ער ארויס די הענט פון די קעשענעס, ווארום ספּירקע פארשטעלט מיט זיך סטיאָפּקען און האלט אופגעהויבן דעם שטיין.

אָבער פעדקע, ווי איר זעט אים, זוכט זיך ניט קיין שטיין ער גיט נאר אכטונג אף ספירקעס האַנט.

— דו גיסט אהער דעם שלאנג?

— וואָרום דער שלאנג איז דיינער?

— המ, איך וועל אים אָפּנעמען, וועט ער זיין מיינער.

— אַי-אַי-אַי! ס'אראַ שטעל אַביסל! אָט צעשפּאַלט איך דיר דעם קאָפּ אפן אָרט, פּרואוו נאר צוגיין אהער.

— אנו, צעשפּאַלט, לאָמיר זען!

און פעדקע שטעלט אזש ארויס די ברוסט פאָרויס. עמעצער וואלט מיינען, אז פונקט נאך דעם גייט ער, און אים גלוסט זיך טאקע מער ניט, ווי נאָר מ'זאָל אים כאָטשבי איין קנאַק טון מיטן שטיין. דאָס טשוביקל סטירטשעט בא אים ארויס פון אונטערן היטל און די אויגן לויפן בא אים אום אזוי גיך, אזוי גיך.

און סטיאָפּקע וויקלט דאָס קניילעכן, סטיאָפּקע וויקלט און וויקלט, און דער שלאַנג דאָרט פונויבן דריגעט אינדערלופטן און קנאַקט אונטער. ער זאָל כאָטש אָנהייבן פאַרשטיין, דער שלאַנג, וואָס אזעלעכס איז דאָרט פלוצים געשען, וואָס מ'שלעפּט אים אין איין אויגנבליק אזוי גיך צוריק.

— נו, פארוואָס-זשע שלאָגסטו ניט?! קוק אים נאָר אָן, ווי ס'האט זיך דאָס אביסל מוירע! אָט גיי איך, אַן אַ שטיין, איינער אליין אף אַלע אייך דרייען.

— ליאָנקע, וואַסקע! — האט זיך פלוצים ספירקע צעשריגן, — גיכערט אַהער קומט... פעדקע נעמט צו דעם שלאַ-אַ-אַ-נג.

אָבער פעדקע שפרינגט אוף פון אָרט ווי אַ וויכער, פליט אַרוף אַף ספירקען, שטעלט אים אונטער פלינק אַ פיסל און וואַלגערט אים אום אף דער ערד. דאָ גלייך שפרינגט ער אונטער צו סטיאָפּקען און כאַפּט שלעפּן צו זיך דעם פאָדעם. דער פאָדעם רייסט זיך אָפּ, דעם שלאַנג דריגעט זיך. האַוודיק וויינט, און פעדקע וויקלט זיך אָן דעם פאָדעם אף דער האַנט און לאָזט זיך פאַמעלעך אף צוריקוועגס אַהיים.

דער אויסוען איז בא אים אַ שטאָלצער. ער דוקט זיך פּאַמעלעך אַף צוריק. ספּירקע און סטיאָפּקע וואַרפן זיך אַף אים. די אויגן בא זיי ברענען אַזש פאַר צאָרן. זיי שמייסן אין אים שטיינער, אָבער פּעדקע בייגט זיך נאָר אונטער, די שטיינער מיידן אים און ער קוואָליעט.

— כאַלעמיטניק! אָפּגעריסענער הונט! אַנו פּרואוו זיך נאָר ווייזן אַף אונזער גאַס. שלעפּער דו! כאַלעמיטניק!!...

און פּעדקע גייט זיך אַלץ זיין וועג. דער שלאַנג איז שוין ווייטער.

אָבער דאָ קען ער דיר נעמען און אָפּטון אַן אומגעריכט שטיקל אַרבעט:

אַז די אינגלעך ווייסן שוין ווייט, און פאַר אַלעמען איז קלאָר, אַז זיי קענען אים שוין גאָרניט טון, גיט ער זיך פּלוצים אַ קער אויס און גיט זיי אָפּ צוריק דעם שלאַנג. ער קען נאָך אַפילע ברענגען זיינע אַביסל פּאַדעב און זיי שיינקען.

— אָט האָסטו דיר דיין שלאַנג! דו מיינסט אַוואַדע, אַז איך דאַרף אים האָבן נייטיק? ווען איך וויל, קען איך זיך אָפּמאַכן אַ שלאַנג טאַקע אַן עמעסן פון אַ גאַנצן בויגן. דער טאַטע קען מיר אָנברענגען פון דרוקעריי אַסאַך רייטן פּאַפּיר. וועט בא מיר אַרויס אַ שלאַנג שוין איינמאָל!

אָבער אַזוי טרעפט זיך עס ניט שטענדיק. גיכער ענדיקט זיך עס מיט דעם, וואָס די יאַטן לויפן אַוועק אַהיים. זיי מאַסערן אָן אַף פּעדקען, און זייערע טאַטעס אָדער די מאַמעס גייען אַוועק צו פּעדקעס מאַמע און מאַסערן דאָרט אָן. מעגט איר זיך שוין ריכטן, אַז אינאָוונט וועט שוין פּעדקע אָפּלייזן פאַר זיינע עטלעכע גילן.

אָבער אויך דאָ גייט עס צו בא פּעדקען ניט אַזוי, ווי בא אַנדערע קינדער. ער וועט דיר ניט וויינען, ער וועט זיך ניט בעטן און וועט דיר ניט צוזאָגן, אַז „מאַמע איך וועל שוין מער אַזוי ניט טון...” ניין, ער ברויגעזט זיך נאָר אָן און זיצט. די

מאַמע שעלט אים, די מאַמע לייענט אים איין מעגילע נאָך דער אַנדערער, און ער זיצט און שווייגט — דו וועסט פון אים קיין פּיפּס נים הערן.

דער טאַטע קומט פון דער אַרבעט. ער איז אַן אָנגעהאָרעווע-טער און איז בייז. די הענט זיינען בא אים גרוי פון די צינענע אויסיעס, וועלכע ער זעצט אויס אין דרוקעריי. די באַקן זיינען אויך ווי פון צין אויסגעגאָסן: מאָגערע, צונויפגעצויגענע, אז קאָם וואָס די הויט האלט זיך אף די ביינער. די באָרד איז בא אים אַזאַ שיטערע, אַז ס׳זעט זיך אויס דורך איר דאָס גאַנ-צע לייב.

— וואָס? שוין ווידער אַ מאָל? — פרעגט ער און קוקט זיך שטאַרק איין אין פעדקען.

פעדקע בלאָזט זיך אָן נאָך מער און הייבט אָן קאַלופּען מיט די פינגער דעם ברעג טיש.

דאָס, וואָס מע דאַרף — דערציילט שוין די מאַמע.

— איז דאָס אלץ ריכטיק? — פרעגט דער טאַטע פעדקען.

פעדקע שווייגט.

— צו וועמען רעד איך עס? ס׳איז ריכטיק אלץ, וואָס די מאַמע דערציילט?

— ריכטיק, — ענטפערט פעדקע שטיל.

— לאָז אַראָפּ די הויזן.

פעדקע שטייט שווייגנדיק אוף, לאָזט אַראָפּ די הייזן און וואַרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

דער פאָטער נעמט אַראָפּ פון זיך דעם פּאַסיק, לייגט אַוועק פעדקען אַפן באַנק און נעמט אים ציילן.

פעדקע ציטערט אוף מיטן גאַנצן לייב, און די פיס וואַרפן זיך בא אים אונטער.

— ליג! — שרייט דער פאָטער אויס.

— נו, האָסטו שוין אַמאָל געזען אַזאַ פאַרשאָלטן קינד? — צענעמט די מאַמע די הענט און נעמט צוריק ברעכן די פינגער, — אַ קינד זאָל אַ בעט טון דעם טאַטן, זאָל אַ וויין טון כאָטשבי!

ס׳איז דאָך אַ שטיין, ניט קיין קינד. ס׳איז אַן אַזיאַט אַף מיינע יאָרן און אָן עק!

אויסגעשמיסן דעם „אַזיאַט״, נעמט דער טאַטע דערנאָך אַרויס צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס און גיט אים.

— „יענק״ האָסטו דיר פאַר דעם, וואָס דיר קומט, און „דאָס״ פאַר דעם, פאַרוואָס דו זאָגסט דעם עמעס...

פּעדקע ווישט אויס די טרערן פון די אויגן, נעמט דאָס געלט און באַהאַלט אין קעשענע. פאַרן פּאַסיק איז ער ניט אין קאַס, ער פאַרשטייט, אַז אַנדערש קען ניט זיין. און די דריי קאָפּיקעס נעמט ער זיך צו אַכוך, וואָרום, אינדערעמעסן גערעדט, האָט ער דאָך טאַקע גאָרניט פאַרלייקנט. ווען ער וויל, קען ער זיך אָפּטאַי־נען מיט ווערטער. אַזעלכע, אָדער אַנדערע. אָבער פּעדקע האָט פיינט דרייען ליגונים.

וואָס נאָך פאַר אַ מאילע האָט ער, פּעדקע, — ער האָט פיינט אויסגעבן אַ כאַווער.

דער טאַטע — פאַר אַזעלכע זאַכן קען ער דאַווקע אָפּגעבן פּעדקען דעם גערעכט. אָבער די מאַמע, זי איז סיי־ווי אין קאַס.

— יאָ, יאָ, יאָקע נאָך אים צו! גיב נאָך אים געלט, גיב אים. ער וועט אומיסטן אָנטון מאַיסים, און דערנאָכדעם נעמען געלט פאַרן עמעס. אַ כאָכעם אַ טאַטע — ער לערנט נאָך דעם זון, ניט געגנוג, וואָס ער לערנט אים ניט אָן פאַר יענעם, גיט ער אים נאָך אָפּ דעם גערעכט...

— ס׳מאַכט ניט אויס, אַלטע... ס׳ניט קיין קונץ פאַר אַלץ שלאָגן, — פאַרוואָס ס׳קומט שלאָגן, און פאַרוואָס — אַ דאַנק זאָגן.

— נו יאָ, אַוואדע. דאַנק אים, דאַנק אים אין היטל אַריין. גיב נאָך אים אָפּ דעם גערעכט!..

אָבער אַמיינסטן און דעריקער פלעג פּעדקע אריינכאַפּן פאַר טאָליען. טאָליע איז געווען דעם באַלעבאָס זון, דעם באַלעבאָס, בא וועמען פּעדקע מיט זיינע עלטערן זיינען געזעסן אין דער

דירע. דאָס איז געווען אַ קינד און איידל געפּאַטשקעטס. אַ ליי-טיש באַלעבאַטיש קינד. אין הויף פלעג זיך עס שטענדיק אַריינ-ווייזן עטוואָס דערשראָקן, און אַזוי זשמורעט זיך עס פון דער זון און ס'שמייכלט אונטער מיט די אומשולדיקע, בלויע אייגע-לעך. אַ ציכטיקער, אַ צוגעפּוצטער, איז ער, דוכט זיך, שטענדיק סייווי ווייט פון פעדקעס גיינג. אָבער אָט דער שטיקל אומגליק מוז דיר אים שטענדיק אַריינפירן אין אַלע צאָרעס, און דער אָרעמינקער טאָליע נעבעך קומט שטענדיק צוריק אַהיים אַ פאַר-שמירטער פון קאָפּ ביז די פיס אין בלאָטע, אַ צעשעדיקטער, מיט צעריסענע הויזעלעך און מיט אַ צעביילטער נאָז. די מאַמע טאָליעס — אויך אַן איידלינקע און אַ פּילבאַרע זייער — פאַלט שיר ניט אין כאַלאָשעס פון אַזאַ באַגעגעניש.

— וואו האָסטו זיך עס אַזוי אויסגעשמירט? ווער האָט עס דיך אַזוי כאַסענע געמאַכט? — פרעגט זי אין איינע שרעק.

און טאָליע וויינט נעבעך און דערציילט, אַז ער איז ניט שולדיק—דאָס האָט אים פעדקע אונטערגעפירט אַף אַזעלכע גיינג...

און פונקט אין דעמזעלבן אָוונט דערפרעגט זיך שוין פעדקעס טאַטע בא זיין „אַזיאַט":

— דו ביסט אומגעקראָכן מיט טאָליען טרייבן די שפּע-דעלעך?

— יאָ.

— דו האָסט אים צעריסן די הויזן?

— ער האָט אליין צעריסן. קען ניט קלעטערן און נעמט זיך אונטער. זאָל ער ניט קריכן.

אָבער דאָ מישט זיך שוין די מאַמע אריין.

— זעסט, ס'האָט נאָך אַ האָזע אַזוי רעדן וועגן אַן איידל קינד! יענץ איז דאָך אַ קינד אַן אָנשטענדיקס, אַן איידלס, און דו, בור איינער, קריכסט וועגן אים רעדן פונקט אַזוי, ווי וועגן סטיאָפּקען! מע וועט דאָך אונז איבער אַזאַ הונט פון דער דירע ארויסוואַרפן. זאָלסטו ניט וואגן מער צוגיין צו אים, דו כאַזערשער ביין, דו צורע צעקראָכענע! מיט פאַסטעכטער אין דער כאַזערשער

טשערעדע — דאָרט זיינען דיינע גלייכנס! ניט מיט אַזאַ אָנשטענ-דיק, איידל קינד. דו ביסט אַ בראָך פאַר מיר, ביסטו! אַן אומ-גליק, אַן אויסרייסעניש. פאַרוואָס האָט עס מיך גאָט געשטראָפט מיט אַזאַ אַזיאַט... און דער טאַטע דער געראָטענער וועט נאָך אים אָפּגעבן דעם גערעכט... טו, זונעלע, טו אָן צאָרעס געברענטע: שלאָג קינדער, האַרגע, און אונז זאָל מען ארויסוואַרפן פון דער דירע...

דער טאַטע שווייגט און קוקט זיך איין בערויגעזערהייט אין פענצטער. אַפּן גאַס איז פינצטער, און פון דעם באַלעבאָס פענצטער דערטראָגן זיך, קאָם וואָס מע הערט, טענער פון איידע-לער מוזיק. דאָרט איז זיך וואַרעם און שטיל. דער טאַטע טאָליעס שפּאַצירט זיך ארום פאַרקלערט איבער די גראָמע צימערן און הערט זיך די מוזיק. דאָ באַגלייך מינעסטאַם געפינט זיך אויך טאָליע, אַ ריינינקער, אַ צאַרטער, אַן אויסגעוואַשענער, און מיט בעקעלעך, ווי די פרישע קלויסטער-קוילעטשלעך. די מאַמע שפּילט. ניטאָ בא זיי קיין מאַכלויקעס, ניטאָ קיין שמוץ, ניטאָ קיין זאָרגן. די שכיינים וועלן זיי צונויפטראָגן דירע-געלט, די פּויערים וועלן ברייגנגען צו פירן געצאָלטס פאַר דער אַרענדע, און קיינער וועט זיי דאָך ניט גיין וואַרפן פון דער דירע, ווען טאָליע זאָל אפילע הונדערט מאָל באַליידיקן פעדקען.

— לאָז אַראָפּ, הינטישער זון, די הויזן! — דרייט זיך פּלוצים אויס דער פאָטער בייז צו פעדקען.

פעדקע באַטראַכט דעם פאָטער מיט ארונטערגעלאָזענע אויגן.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער קאָם וואָס מע הערט.

— פאַר דערפאַר, וואס דו באַגעגנסט זיך מיט אָנשטענדיקע קינדער. שוין דעם ויפלטן מאָל, אז איך פאַרזאָג דעם פאַרכוטש, ער זאָל זיך ניט וואגן באַגעגענען מיט קיין פּריצים! זיי זיינען ניט דיינע קיין מעכוטאָנים.

— וואָרום איך באַגעגן זיך מיט אים ניט, ער קריכט אַליין.

— טאָ טרייב אים פון זיך, ווי דעם הונט, צו אלדי טוּיזנט רוכעס! וואָס איז ער מיט דיר פאַר אַ מעכוטן?! לייג זיך!

פעדקע לייגט זיך, אָבער דער טאטע שלאָגט אזוי, אז די מאמע גייט ארויס אינגאַנצן אומצופרידן.

---

און אַרום מאָרגן אָדער איבערמאָרגן פירט ווייטער פעדקע טאָליען אַראָפּ פון וועג. און פירט אים אַראָפּ אין אזא צייט, ווען קיין איין לעבעדיקן נפעש וואָלט עס גאָר ניט געקומען אַפן געדאנק.

שטעלט זיך פאָר אַזאַ בילד: אַפן גאַס איז אַ שטורעם. פון הימל גיסט, אַזוי ווי פון אַן אַרבל, און רויטשאקעס האָבן זיך צעגאָסן ערגער ווי טויזנט פעדקעס וואָלטן איבערגעקערט טויזנט דייזשעס וואַסער.

די וואָלקנס זיינען בלויע און האָריקע, און דאָ אַלע רעגע שפּאַלט זיי דורך אַ גרינער בליק, און ס'דונערט אזוי, אַז די פענצטער ציטערן, דאָס געפעס קלינגט אַף די פּאָליצעס.

טאָליע האָט זיך צוגערוקט צום פענצטער, זיך פארטאיעט און קוקט מיט שרעק צו דער גאַס אַרויס.

די גאַס איז ליידיק, מ'זעט ניט קיין לעבעדיקן נפעש — אַלע האָבן זיך, ווייזט אויס, באהאַלטן אין די לעכער. נאָר פונויבן טראָגט זיך א גאַנצער שטראָם קאַלעמוטנע וואסער מיט בולבעלעך, דער רעגן שמייסט איבער דער וואסער, איבער די שטיינער און איבער די פליטן. פון די רינוועס אין די גערטנדלעך לויפן זיך צונויף גאַנצע וואסערפאַלן. ס'איז פינצטער, ס'איז גרוי און ס'איז מוירעדיק. די מאַמע ליגט באַ זיך אין צימער מיט אַן אַרומגע-בונדענעם קאָפּ: זי קען ניט פארליידן קיין שטורעם — שאַדט עס איר און זי איז ניט געזונט.

טאָליע וואָלט זיך אויך גערן ערגעץ באהאלטן, אָבער די מאַמע האָט אים פאַרווערט זיצן איצט לעם פענצטער, און טאַקע דערפאר גליסט זיך אים וייער זיצן נאָך איין ביסעלע אַזוי באַם פענצטער און קוקן.

אָ, סאַ שטורעמדיקער שטראָם, סאַ קאַלעמוטנער, ס'לויפט איבערן גאַס, און פונוואַנען נעמט ער זיך אַזאַ!

טראַך-באַך-באַך!

ס'דונערט. אין עס-צימער קלינגט דער לאָמפּ.

טאָליע ציילעמט זיך אינדערשטיל, ער איז געוואָרן זייער בלייך, אָבער אים סטאַיעט ניט קיין מוט זיך אָפּרייסן פון אָרט.

און פּלוצים דערזעט ער אַזעלעכס, וואָס ער גלייבט ניט זיינע אייגענע אויגן:

אַף דער גאַס אינמיטן בייזן שטראָם, אונטערן רעגן קריכן אַרום נאַסע און אָן היטלען פּעדקע, סטיאָפּקע און וואַסקע. זיי האָבן פאַרקאַטשעט די קאָלאשוועס פון די הויזן, קימאַט ביזן סאַמע בויך, טאָפּטשען זיי מיט די פיס אין וואַסער, שרייען, לאַכן — זיי איז זייער פריילעך און גוט אַפן האַרצן. די וואַסער קער זיין וואַרעם, און אונטער דעם רעגן גיסן זיי זיך אָפּ, ווי אין באָד אונטער א קראַן. אָט שטעלט פּעדקע אונטער דעם פּאָנעם אונטערן רעגן און כאַפּט אוף מיטן מויל טראָפּנדלעך וואַסער. ס'אַראַ מאָדנע נאַסע קעפּ בא זיי, אַז אַזש לאַכן גלוסט זיך.

וואַסקע האָט עפּעס געפונען אין דער וואַסער. וואָס איז עס? אַ קלאָ. פּעדקע באהאַלט גלייך דעם קלאָ אין טאָרבעלע אַריין. דערווייל וועלן זיי אָנקלייבן צוועכעס, קלאָען און שטיקלעך אייזן! פּעדקע האָט דאָך איינמאָל אַפילע געפונען גאַנצע פינעף קאָפּיקעס.

טאָליע האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַפן פענצטער אין זיין גאַנצער גרייס און מאַכט צו זיי מיט די הענט. ער וויל זיי זאָלן אים דערזען. אָבער די יאַטן קוקן גאָרניט צום פענצטער. זיי טאַנצן אַרום מיט די באָרוועסע פאַרקאַטשעטע פיס, פּלושקען זיך אין וואַסער, דער דונער טומלט זיי גלייך אין די אויערן אַריין, נאָר זיי קוקן זיך אַפילע ניט אום. די וואָלקנס איבער זייערע קעפּ הייגען אַזעלכע שווערע, אַזעלכע מוירעדיקע, אַז ס'איז אָן איימע אַ קוק צו טון, און זיי האַרט עס, ווייזט אויס, ניט. ס'איז נאָך זיי איינגענומען: דער רעגן, הייסט עס, וועט נאָך לאַנג גיסן.

אָן-אָ טאַנצן זיי. דאַכט זיך, אַז זיי זינגען נאָך אויך.

„רעגן, רעגן, גיס נאָך בעסער,
מיר וועלן וואַקסן נאָך גרעסער״;
„ניט קיין סאַך און ניט קיין ביסל
גיס אונז אָן אַ פולע שיסל״...

און דער רעגן גיסט זיי אַף די קעפּ, אַף די אַקסלען, אַף די הענט, די העמדער האָבן זיך אײַנגעזאַפּט אייַנגעקלעפּט אין די לײַבער. און ריטשקעלעך לויפן. ס׳בליצט און ס׳דונערט.

אָבער טאָליע האָט זיך שוין קיין מוירע ניט פאַרן דונער. טאָליע איז שוין אַליין גרייט לויפן אַף דער גאַס אַרויס. איצטער מאַכט ער נאָך שטאַרקער מיט די הענט. ער וואָלט אָנגעקלאַפּט צו זיי אין שויב, נאָר ער האָט זיך מוירע די מאַמע זאָל ניט דערהערן.

קאַם צום כאַף האָט פעדקע באַמערקט טאָליען און האָט אים געגומען רופן אַף דער גאַס, מאַכנדיק מיט די הענט. וואַסקע און סטיאָפּקע מאַכן אויך. זיי ווייזן אים די קלאָען, די צוועכלעך, טופען מיט די פיס און שפּרינגען אונטער. וואַסקע טוט אַ פאַל און לייגט זיך אויס גלייך אין וואסער. פעדקע מיט סטיאָפּקען צעלאַכן זיך, לאַכט וואַסקע אויך.

טאָליע איז מיטאַמאָל אַראָפּגעשפּרונגען פון פענצטער, אײַנ-דערגיך אַראָפּגעוואָרפן די שיך, פאַרקאַטשעט די הויזלעך און איז שטיל אַרויסגעלאָפן אין הויז. פון הויז אַפן גאַניק. ס׳נאָר, וואָס ער גייט אין אַ סאַמעטן לײַבעלע און אין הויזלעך — עפּשער אַ שאָד. אָבער די יאַטן זיינען שוין אַלע לעם גאַניק און שרייען שוין:

— שפּרינג, האָב זיך ניט קיין מוירע! דער רעגן איז אַ וואַרעמער.

— נו. שפּרינג שוין! אָט אַ באַבע, ווי אַזוי ער קנייטשט זיך עס... איינס-צוויי!

טאָליען איז קאַלט און ער האָט זיך מוירע, אָבער ס׳ווילט זיך ניט מ׳זאָל אים רופן באַבע. ער קריכט אַראָפּ פון גאַניק און לאָזט זיך מיט געהיטע טריט צו די יאַטן. זיינע איידעלע אָפּגעהיטע

פיסלעך פאַרטשעפּען זיך אַלע רעגע. דער שמוציקער שטראָם באַשפּריצט אים זיינע סאַמעטענע הויזלעך, דער רעגן האָט אים גלייך פאַרגאָסן זיינע פּינקטלעך-צוגעקעמטע הערלעך און זיין לייבעלע.

פונדאָסערשטן איז אים פון דעם אַלעמען קאַלט און נאַס, אָבער דערנאָך ווערט דאָך עס אַזוי גוט, אַזוי ליב. טאָליען איז אַזוי גוט אַפן הארצן, אַז ער קוויטשעט אַזש און פּלושקעט זיך מיט די פיסלעך אין וואַסער.

די יאַטלעך שרייען אויך אַף אַ קאָל, און אַלע כאַפּן זיך פאַר די הענט און מע לויפט אַראָפּ פון בארג. טאָליע איז איינ-דערמיט.

איינאָוונט ליגט שוין טאָליע אין בעט אַ שלאָפער און אין היץ, און פּעדקען לייגט מען אַפן לאַנגן בייַנקל און מ׳דערציילט אים די מאַיסע.

——

געקומען פרילינג. דער שניי איז געוואָרן געל און ברודיק. דאָס אייז אַפן טייך האָט באַקומען אַ פאַנעם פון אונטערגעווייקטן צוקער. דערנאָך האָבן אָנגעהויבן רינען ריטשעקלעך איבער די גאַסן, און די ערד האָט זיך גענומען פּאַמעלעכן אונטערטריקענען אונטער דער יונגער זון.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט אַזוי האָבן זיך סטיאָפּקע, הריצקע, ספּירקע און נאָך יאַטלעך געלאָזן שיפעלעך איבערן גאַס.

אין דערוועלבער צייט איז אַרויס טאָליע און קוקט זיך צו, וואָס יענע טוען. אַליין וועט ער ניט גיין לאָזן קיין שיפעלעך, ווייל אים האָט מען שטרייַנג, וואָס שטרייַנגער קען ניט זיין, פאַרבאָטן, ער זאָל ניט וואַגן זיך באַגעגענען מיט די גאַסן-קינדער. אָבער שטיין אַפן גאַניק און קוקן מעג מען דאָך.

פלוצים טראָגט דיר ניט אָן דער גוטער יאָר פּעדקען! דאָס פּעלצל אַף אים איז אינגאַנצן נאַס, די שטיוול זיינען רויט געוואָרן פון נעץ, די היטל איינגעטונקען אין בלאָטע, אָבער ער אַליין, ווי איר זעט אים, שיינט. און שלעפּט נאָך מיט זיך אַ גרויס דעמבל עפּשער צוויי מאָל אַזויפיל גרעסער פון אים אַליין.

— העי, כעוורע! אָבער טרעפט וואו איך בין געווען? — רופט ער צו זיי נאָך פונדערווייטן.

אַלע האָבן אַוועקגעוואָרפן די שיפּלעך און זיך אַ לאָז געטון צו פעדקען.

— נו, יאָ, וואו? זאָג, וואו?

פעדקע האָט קונציק אַ זעץ אַריין געטון דאָס פלעקל אין אַ בערגל נאַסן שניי, אַראָפּגענומען דאָס היטל און ארומגעווישט דעם שוויס פון זיך...

— אָך, האָב איך זיך עס אַ קאַפּ איינגעמאטערט, כעוורע פלעצל! וואָס איז די רייד, ס'איז שוין איינמאָל אַ שטיקל ארבעט!

— טאָ וואו-זשע ביסטו געווען? זאָג, וואָס פאר אן ארבעט?

— וואָס, איר ווייסט ניט? אַפן טייך בין איך דאָך געווען. אָך, מאַמעלע, וואָס דאָרטן ‏טוט זיך!.. די קריע גייט שוין... און ס'טוט זיך דאָרטן כווישעך. דעם מאַרק-בריק האָט שוין דאָס אייז אַראָפּגעטראָגן צו אלדי שוואַרצע יאָר. אָט, וואָס דאָרט טוט זיך! מיר האָבן דאָרט געכאפּט ברעטלעך, און איך האָב אליין אַרויס-געשלעפּט אַזאַ-אָ קלאָץ, אז כעוורע — האלט מיך צו!

באַ די יאַטן האָט דער אָטעם פארכאַפּט פון די נייס. און זיי ווייסן דאָך דאָ פון גאָרניט.

— זע נאָר, דו זאָגסט א ליגן! וואָס, ניין? ס'איז אַן עמעס?

— נו, גייט און ציילט, אויב איר גלויבט ניט! אַז מ'זיצט זיך דאָ און מען לאָזט שיפּעלעך... איך מאָרגן אין שול אַריין גיי ניט. איך ארבעט מאָרגן אפן טייך פון גאַנצפרי אָן.

— אין שול וועסטו ניט גיין? נו, און דער טאַטע?

— אָט האָסטו דיר אן אייסעק! איך וועל ניט גיין דעם טאָג אין שול אַריין אַן פּאָטער א געשעפּט. גוטן-אָוונט, טאָלקע!

טאָליע האָט געהערט דעם גאנצן געשפּרעך און ס'האָט זיך אים זייער געגלוסט פאנאנדערפרעגן, ווי אַזוי ס'איז אַוועק די קריע איבערן טייך. אָבער אָנקוקן האָט ער ניט געקענט פעדקען בעשאַס יענער רופט אים אָן „טאָלקע". אַ גלייכן איז ער זיינער צי וואָס?!

טאָליע האָט זיך אָפּגעקערט און גאָרניט ניט געענטפערט, אַזוי ווי ער וואָלט ניט הערן צי פעדקע רעדט צו אים, צי ניין. אין דערזעלבער רעגע אָבער איז ער געוואָרן אַזוי נייגעריק, אז ער האָט זיך שוין פאר גאָרניט ניט געקענט אָפּשטעלן און האָט זיך גלייך צוריק אויסגעדרייט.

— גאָט העלף, דו ביסט געווען אַפּן טייך?

— געווען.

— ס׳שפּאַרט, אז א רויך גייט?

— קענסט גיין אַ קוק טון (אויב נאָר די מאַמע וועט דיך לאָזן) — האָט פעדקע אונטערגעשמייכלט און זיך אָפּגעקערט פון טאָליען.

טאָליע איז געוואָרן רויט — ווי אַזוי וואַגט ער עס ריידן! אַזאַ מיעסע צורע! אָט וועט ער אים פארמאסערן פארן טאַטן, זאָל ער אים גוט אָנלייגן אין די יאָרן, וועט ער וויסן.

און פעדקע דערציילט דערווייל ווייטער:

— די קריע גייט איבערן גאַנצן טייך, דאָס אייז קנאַקט, אַז ס׳איז אַ שרעק צו קוקן. און וויפל ס׳טוט זיך דאָרטן אוילעם אַפּן ברעג!! קיין נאָדל וועסטו ניט דורכשטופּן! איינער אַ באָכער האָט זיך געוואָלט דורכפאָרן אַף דער קריע און האָט זיך דערשראָקן, דער נאַר. איך וועל שוין מאָרגן מינעסטאם פאָרן.

טאָליע האָט שוין געוואָלט אַריין אין שטוב, נאָר דערהערנדיק אַזעלכע רייד, איז ער, פּונקט פארקערט, נאָך אַראָפּ פון גאניק און איז צו גענעטער צו די יאַטן.

די יאַטן זיינען אויך געווען אַנטציקט: אָט ס׳אַ גילגל, אָט דער פעדקע! אַהין איז קוקן אַ מוירע, און ער וועט זיך נאָך זעצן פאָרן.

— דו וועסט גלייך אף דער קריע וועסטו קריכן?

— און איר האָט געמיינט — וואוהין? אָט זעט איר, אַ פלאָקן האָב איך דאָך שוין — און ער וויזט זיי אַפּן פון איין זייט פארשפּיצן דרוטשאָק וואָס אין שניי — אָך, איז דאָרט פריילעך, אַף דער קריע! איך האָב געזעען, ווי אנטאָשקע איז פאַראיאָרן

געשוואומען... און איך האָב נאָך דעמאָלט ניט געהאַט אַזאַ שטעקן... לאָמיר פאָרן מאָרגן אַלע! האַ?

ספּירקע מיט סטיאָפּקען האָבן זיך געגומען קראַצן: מ׳דאַרף דאָך גיין אין שול אריין, צי וואָס?

— עס, אין שול אַריין... אַז מע לאָזט דורך איין טאָג, איז שוין אויך ניט פון די גרויסע אומגליקן.

טאָליען איז געווען א מוירע אַפילע הערן אַזעלכע רייד, אָבער ער איז געשטאַנען. אים האָט ניט געקלעקט קיין קויעך זיך אָפּרייסן פונדאַנען.

די יאַטן פון זייער זייט האָבן זיך געקראַצט און געקנייטשט, און דאָך האָבן זיי סאָפּקאָלסאָף באַשלאָסן, אַז מאָרגן גייט מען טאַקע צום טייך.

אָפּגערעדט האָט מען, מ׳זאָל זיך צונויפגיין אַהער אף דעמזעלבן אָרט, פונקט אַכט אַזייגער.

---

אַז פעדקע איז געקומען אַף מאָרגן אינדערפרי צום אָנגע-צייכנטן פונקט, האָט ער דאָרט געטראָפן ספּירקען, סטיאָפּקען און... טאָליען. טאָליע איז געווען אינגאַנצן פארמאַטעט אין שאַלכנדלעך, פון וועלכע ס׳האָבן זיך קאָם אויסגעזען די אויגן און דער שפּיץ נאָז. די אויגן זיינען בא אים היינטיקס מאָל געווען אַביסל מאָדנע: אַז מ׳וויל, קען מען זאָגן, ווי פאַרשול-דיקטע, און אַז מ׳וויל איז עפּשער דערשראָקענע.

פעדקע האָט זיך פארכידעשט אַף טאָליען קוקנדיק:

— און וואָס טוסטו דאָ? עפּשער אויך מיט אונז?

טאָליע האָט זיך פונדערגרינג פארשעמט און ער זאָגט:

— איך וועל נאָר צוגיין אַ קוק טון, און דערנאָך גיי איך אין שול אַריין.

— קענסט גיין קוקן, — איז פעדקע איינגעגאַנגען און האָט גענומען ארויסשלעפּן זיין שטעקן פון שניי. ער האָט אים אַהין פארבאַהאַלטן נאָך נעכטן אינאָוונט.

אַן אויסגעצייכנטער שטעקן געווען, א פארטעסעטער און נאָך מיט א צוויאָק.

— ועצטו אים אריין אין דער שטיק אייז, וועט ער זיך דיה ניט גליטשען.

די ביכער האָט פעדקע אונטערגעבונדן אַפן בויך און פארדעקט מיטן פעלצל. ס'איז געווען א געלעכטער אַף אים צו קוקן, ס'אַ גראָבינקער ער איז פּלוצים געוואָרן.

— פונקט אַזוי ווי דיין טאַטישע... — זאָגט ספּירקע צו טאָליען.

דאָס איז געווען ריכטיק, טאָליע אַליין האָט עס אויך באמערקט, דאָך איז אים אָבער געוואָרן פארדראָסיק.

דער „טאטישע"... ס'שוין פונקט ניט קיין טאַטישע, נאָר א „פאפא". און ווייטער, וואָס איז דאָרטן אַזוי דער גרויסער אומגליק, אויב בא זיין פאפא איז אַ גרעסערער בויך, ווי באַ זייערע טאַטישעס? זיין פאפא איז פאָשעט רייכער, און דאָס איז אינגאַנצן.

טאָליע האָט זיי אָבער פונדעסטוועגן גאָרניט אָפּגעענטפערט: ער איז דאָך אַ דערצויגן קינד און אן איידעלער. אָט פעדקען אָט דעם-אָ, ווען דו טוסט עפּעס אַ זאָג אַף זיין פאָטער, וואָלט ער זיך גלייך געכאַפּט זידלען, אָדער ער וואָלט זיך נאָך עפשער אַ וואָרף געטון שלאָגן אויך.

און טאָליע האָט זיך נאָך אַפילע עפּעס אָפּגערופן צו ספּירקען, נאָר ספּירקע האָט אים שוין ניט געהערט. זיי זיינען פונקט אָנגעגאַנגען צום אַראָפּ-באַרג. דאָ גייען שוין ניט אָן קיין שמועסן, דאָ זעט זיך שוין ארויס דער טייך. קיין וואַסער האָט מען נאָך ניט געזעען. עפּעס אַ מאָדנער טייך געוואָרן: אינגאנצן א גרויער, אַ צעקריצטער און א ראבער. אַפן ברעג שטייען און גייען אַרום מענטשן אוף און אָפּ. די זון קוקט קלוגיטשקערהייט אַרויס פון יענער זיים דאמפמיל. די קראָען פליען ערגעץ לאַנגע שורעסווייס און קראקען. און זעט נאָר, ווי ס'גלאַנצט דער שפּיץ ציילעם פונם קלויסטער, וואָס אונטערן טייך! אַך, ס'אַ שיינקייט!

— אָנו, כעוורע, פאָרויס! — האָט פעדקע פּלוצים אויסגעשריגן און זיך ווי א וויכער אַראָפּגעריסן פון אָרט.

סטיאָפּקע און ספּירקע האָבן זיך צוגעהערט און זיך אַוועק־געלאָזט נאָך אים.

טאָליען האָט זיך אויך געגלוסט אַ הירזשע טון און זיך לאָזן לויפן, און אַפילע פונדערבריינג אַ בריקע טון מיט אַ פיסל, אָט ווי סטיאָפּקע האָט אָט־ערשט געמאכט, ער האָט עס אָבער בא זיך ניט געקענט פועלן — שרייען אינמיטן גאס פּאַסט דאָך ניט פאר קיין אָנשטענדיקע קינדער, און לויפן איז אים אויך שווער, ווארום דער מאַנטל איז דאָך בא אים אַזאַ לאַנגער און אַ שווערער, און אַף די פיס זיינען נאָך בא אים אָנגעשטעקט אַ פּאָר טיפע קאַלאָשן, און אַף דער פּלייצע האָט ער נאָך אַ שווער רענצל מיט ביכלעך.

טאָליע האָט נאָר נאָכגעקוקט, ווי ס׳האָבן געפינקלט די פיס בא ספּירקען און סטיאָפּקען.

אָט האָט סטיאָפּקע פארלוירן זיינע ביכלעך.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אונטערגעכאפּט דאָס פּעקעלע, אַ בריקע געטון מיטן פיסל און איז ווייטער אַוועקגעפלויגן נאָך די פּאָדערשטע.

טאָליע האָט זיי דעריאָגט שוין לעם סאמע טייך. פונדערנאָענט האָט דער טייך אויסגעזעען נאָך מיט מער גלאַנץ. מ׳האָט געזעען, ווי לאַנגזאַם און שווער ס׳גייט די קריע. דאָס אייז קנאַקט און די שטיקלעך קריע קריכן איינס אַפן אנדערן: האָט איר געזעען אַמאָל, ווי מע טרייבט אַ גרויסע טשערעדע אָקסן. דער גאַנצער גרויער פלאָץ מיט פּי באַוועגט זיך זייער לאַנגזאַם, נאָר וואו־ניט־וואו — קריכט ארויף איין אָקס אַפן צווייטן, און דאָ הייבט זיך ערשט אָן אַ גערודער. די אָקסן געמען קריכן איינער אַפן אנ־דערן, זיי שטעלן זיך אָפּ, זיי דרייען זיך, זיי קענען זיך קיין אָרט ניט געפינען אינם איינגשאַפּט. ביז די, וואָס האָבן אָנגעמאכט דעם גערודער, שטויסן זיך ניט דורך קיין וועג אף פּאָרויס.

אַף דער גאַנצער לייגג פונם ברעג שטייען מענטשן. קליינע יאַטלעך שטופּן זיך פלינק דורך צווישן די גרויסע און אָן אופהער האַלטן זיי אין איין שאַלן מיט זייערע קלינגנדיקע פריילעכע קעלכלעך

אנערעך ווײַפּל, קלערט איר, געפינען זיך דאָ שול-אינגלעך, וועלכע וועלן מאָרגן אונטערנאַרן דעם לערער, אַז אין אָט דעם טאָג „האָט זיי דער קאָפּ ווי געטון און זיי האָבן ניט געקאָנט קומען אין שול אַריין!"...

און דער טײַך באַוועגט זיך אַלץ פאָרויס. די שטיקער קריע רײַבן זיך איינע אָן דער אַנדערער מיט א נאַסן סקריפּ. זיי זײַנען שוין גרוי און געל געוואָרן פאַר עלטער. פונוואַנען זײַנען זיי עס אהער אָנגעשוואומען אַזעלכע און וואוהין קלײַבן זיי זיך פונדאַנען?

אָט, ווען מ'זאָל זיך אַרופקלײַבן אף איינער פון די אַלע און זיך אַזוי מיט איר אוועקשווימען ווײַט, ווײַט... אַרום שווימען נאָך שטיקער קריע, זיי דאַרף מען אָפּשטופּן מיט וואָס מ'קאָן, זיי זאָלן ניט קריכן צו דיר אַפן וואָגן, אויב ניט, וועלן זיי אָנ-שווימען אַ קאָפּ אף א קאָפּ און זיי וועלן דיך אונטערטיקן. וואָלט נאָך זײַן גוט, אויב דו וואָלסט קאָנען איבערשפּרינגען אף א צווייטער, אויב ניט וועסטו אַרײַנפּליוכען אין וואסער, און די וואַסערן אָ-האָ! די וואַסערן זײַנען שוואַרצע, זײַנען טיפע און זייער ק-אַ-אַ-לטע.

ס'געפינען זיך אָבער דרייסטע יונגען, וועלכע שפּרינגען אַרוף אף שטיקער קריע און האלטן זיך אף זיי א שטיקל צײַט. צענדליקער אויגן בא אַנדערע באַכורים קוקן נאָך מיט קינע פוס-טריט נאָך די געבענטשטע יאַטן.

און די בעריעס טופּען נאָך צו מיט די פיס דעם ניט פעסטן באָדן זייערן, און דאָס זאָל באַטײַטן: קוקט, מײַנע טײַערע, ס'א פעסטע שטיק קריע! זי וועט זיך ניט דורכברעכן! אַנדערע זייערע שפּרינגען נאָך איבער אף א צווייטער שטיק קריע און שטעלן זיך אײַנמיסטן צו אַפן עק ברעגעלע, וואוהין ס'גיסט זיך באַלד אָן טונקל-בלויע, געדיכטע און טינטיקע וואסער.

— עי, דו, ווי מ'רופט דיך דאָרט! וואָס? דיר גלוסט זיך וויסן, וואו די קרעפּסן וואַקסן? איך זע, ס'ציט דיך אהין! — אַזוי שרײַט אָן עמעצער פון די דערוואַקסענע אַפן געוואַגטן יאַט.

— קריך אראָפּ צוריק אפן ברעג, ס׳וועט זיך טאַקן אין קאַ־נאַווע אַריין, וועסטו נאך האבן אן ארבעט אים גיין פונדאָרטן שלעפּן.

דער באָכער מאכט זיך אַפּילע, אז ער הערט ניט, וואָס מ׳רעדט צו אים, אָבער ביז וואנען איז דער שיר? טוט ער נאָכאמאל א טאַנץ אפן אייז, נאָך אמאָל א פּרוּאוו מיט דער פוס, צי ס׳איז שטאַרק, און שפּרינגט אראָפּ צוריק אפן ברעג.

---

טאָליע האט זיך לאנג ארײנגעקוקט אין פעדקען: נו, פאַר־וואָס־זשע קריכט ער ניט אף דער קריע? און פעדקע דערציילט עפעס סטיאָפּקען און ספּירקען און ווייזט עפעס אלץ מיטן קאָפּ אַפן טייך.

טאָליע איז אונטערגעגאַנגען נעענטער און זיך גענומען צוהערן.

— אָ, דאָס הייסט אויך מיר געשפּרונגען!...— זאָגט פעדקע,— דו ביסט א מייוון, ס׳קערט זיך די וועלט! אנו, זאָל זיך נאר ווער אונטערנעמען דורכשפּאצירן זיך איבער דער קריע און אַראָפּ אַף יענעם ברעג. אָט דאָס, פאַרשטיי איך, איז א קונץ! —

— נו, אף יענעם ברעג!..— האָט סטיאָפּקע א דריי געטון מיטן קאָפּ, — און וואס וועסטו טון, אז דאָס אייז וועט דיך פאַר־טראָגן? וואס וועסטו דעמאלט טון?

— און אריבערשפּרינגען אף א צווייטער שטיק ביסטו קראנק? — האט פעדקע א גלאנץ געטון מיט די אייגלעך, — און פון דער צווייטער אף א דריטער. אָט ווי מ׳דארף הייבן א מאַטקע! וועסטו הייבן? האַ?

— און דו וואָלסט געהויבן?

— קאָן זיין, אז איך וועל סייווי הייבן. און נאָך ווי אזוי!

טאָליען האָט זיך שוין זייער געגלוסט זען, ווי וועט עס פעדקע הייבן אַ מאַטקע און ווי וועט ער עס שפּרינגען פון איין שטיק קריע אף דער צווייטער. ער וועט נאר א שפּרונג טון, וועט ער זיך מינעסטאם גלייך אַף דער ערשטער רעגע

דערשרעקן און וועט זיך צעוויינען, וועט מען אים אָפּנעמען פונדאָרטן, עלטערע וועלן זיך געפינען, וואָס וועלן אים אַראָפּנעמען. דערנאָך וועט מען אלע פון אים לאַכן. א מיצווע! זאָל ער זיך ניט מאכן גרויס.

— דו וועסט זיך אבער ניט איינשטעלן, — מאַכט טאָליע צו פעדקען, ווינקענדיק בעאייִם-מאיסע צום טייך-צו.

פעדקע האט שווייגנדיק א קוק געטון אף יענעם און האָט זיך ניט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט.

און טאָליע האט דערווייל דערזעען, ווי בא פעדקען זיינען בלייך געווארן די ליפּן, און די אויגן ווערן בא אים אזעלכע שאַרפע, ווען ער קוקט זיך איין אין דער קריע. אַהאַ, דאָס האט ער זיך געוויס מוירע!

— אנו, פּרואוו זיך, — קריכט אונטער טאָליע פונדאָסניי, — דו האָסט זיך דאָך בארימט, אז דו וועסט היינט אַרומפאָרן אַף דער קריע.

און די אייז-טשערעדע הערט זיך ניט אוף שפּאַרן אַלץ פאָרויס און פאָרויס.

אמאָל צעשטורכעט זיך די טשערעדע צווישן זיך, און אינמיטן באוויזט זיך א מוירעדיקע, א שוואַרצע לאַטע פון טינטיקער וואַסער. אף דער וואסער שווימען ארום שטיקלעך שפּענדלעך, מיסט און שטרויעלעך. אָבער אַפילע די שפּענדלעך מיט די שטרויעלעך טוען זיך א דריי און בלייבן ניט — אַזא קעסלגרוב איז דאָרט איצטער אונטערן אייז!

— אנו, אין וויפל געוועט, אז איך וועל איבערגיין אף יענעם ברעג, — האָט זיך פלוצים פעדקע אויסגעדרייט צו טאָליען.

— ווארום דו וועסט סיי־ווי ניט איבערגיין.

— אָבער לאָמיר גיין אין געוועט. וואס וועסטו געבן? אויב איך גיי דורך, גיסטו מיר אָפּ דיין מעסערל, וואס מיטן ביינערנעם קלעצל. און אויב איך גיי ניט דורך, גיב איך דיר אָפּ מייז פייגעלע, מיין צייזיקל מיט דעם שטייגעלע. גייט עס?

טאָליע האָט זיך גאָרניט געניײַטיקט אין פּעדקעס צייזיקל, אָף וואָס דאַרף ער א צייזיקל? אָבער ער האָט צוגעפּאַטשט.

— נו, גוט, זאָל זיין געמאכט. גיב די האַנט. ספּירקע, האָק איבער!

ספּירקע האָט איבערגעהאַקט, און פּעדקע האָט זיך גלייך אַפן אָרט גענומען אונטערגאַרטלען. די ביכער האָט ער אָפּגעגעבן סטיאָפּקען.

— אָבער שווייגט אלע, — האָט פּעדקע איינגעראָמט די יאַטן, — וואָרום, אז מ'וועט דערזעען, אַז איך וויל אַריבער אַף יענעם ברעג, וועט מ'ען ניט לאָזן. זאָלן זיי קלערן, אז דאָס וויל איך זיך שפּילן נאָר דא לעם ברעג.

— וואויל.

פּעדקע האָט זיך אונטערגעגאַרטלט, גענומען דעם שטעקן אין די הענט, אים א פּרואוו געטון און האָט שטייף אָנגערוקט די היטל, זי זאָל זיך האַלטן.

— נו געדיינק-ושע, — זאָגט ער צו טאָליען עפּעס מיט אזא מאָדנער שטים, און איז אוועק גלייך צו דער קריע.

— לעבעדיק, פּעדקע, לעבעדיק! — האָבן יאַטן אַפן ברעג פריילעך נאָכגעשריגן.

וואָרום זיי זיינען שוין די גאַנצע צייט צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל גיין אַפן אייז.

פּעדקע איז ארופגעשפּרונגען אַף דער ערשטער שטיק קריע און האָט א טופּע געטון מיט דער פוס, פּונקט ווי ער וואָלט זי וועלן אויספּרואוון. די שטיק אייז איז געווען דיק און פעסט.

פּעדקע האָט זיך פאַמעלעכן דערנענטערט צו דער צווייטער שטיק קריע, ארומגעקראָכן, א פּרואוו געטון מיטן שטעקן — צי זי וועט האַלטן, דערנאָך האָט ער זיך אומגעקוקט אַפן ברעג און האָט קונציק א שפּרונג געטון אַף דער צווייטער שטיק אייז.

ספּירקע, סטיאָפּקע און טאָליע האָבן מיט גרויסער אָנגעשטרייַנגטקייט נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טראָט זיינעם.

— וואוהין איז? — האט פּלוצים עפּעס אַן אַרבעטער פון ברעג אָנגעשריגן אף פעדקען, — וואוהין טראָגט עס דיך דער שוואַרץ יאָר? קער זיך אום גיך צוריק! גיך!

פעדקען אָבער האט ניט אויסגעמאַכט זיין טויב אַף דער מינוט, און אזוי ווי ער הערט אף צוקלאמערשט ניט, צי עמעצער רעדט צו אים צי ניין, איז ער צוגעלאָפן צום עק פון פון זיין צווייטער שטיק קריע, און וויל פונדאָסניי זיך אריבערכאַפּן אף א דריטער.

אָבער יענע איז פונקט ווי אף צולאָכעס א דינע. אָט פּרואווט ער זי מיטן שטעקן און זי בייגט זיך. און דאָ פונונטן שרייט מען, מ׳מאכט צו אים מיט די הענט, ער זאל זיך אומקערן.

פעדקע האט אינדערגיך אויסגעקליבן אן אנדער שטיק אייז, א גרעבערע, האָט זיך צעיאָגט און איז איבערגעשפּרונגען. די נייע שטיק קריע האָט זיך נאָר פונדערגרינג א וויג געטון, און האָט גלייך באַקומען צוריק איר גלייכגעוויכט.

— דאָס איז ער פון זינען אַראָפּ, דער פאַרכוטש, אָדער וואָס, — האבן שוין אנדערע שטימען אָנגעהויבן שרייען פון ברעג, — וואוהין האט עס אים אוועקגעטראָגן צו אלדי רוכעס? עי, דו! צוריק גיי!

— טוט עס א קוק אומיסטן, ווי א יאט שטעלט עס איין דאָס לעבן!

— טאָ לויפט-זשע כאָטש עמעצער, שלעפּט אים אַראָפּ פונדאָרט, דעם הונט מיט אויערן!

אָבער לויפן איז שוין געווען שפּעט. ס׳האָט אים פאַרטראָגן, פעדקען, אַראָפּ-וואסער, און ער איז שוין געווען אף דערמיט טייך. אלע ווײַלע האָט ער זיך נאָר אומגעקוקט, אופגעהויבן אפן שטעקן די היטל אינדערהייך, זי ארומגעדרייט מיט א פרייד און עפּעס געשריגן אַהער — מ׳האָט ניט געהערט וואָס, כאָטש נאָך דער מינע האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אז דאָס שרייט ער פאַר פרייד און געוואגטקייט.

— ווען מעס זאל ער זיין אזאַ? — פרעגן זיך אַלע אַרום.
— דאָס איז דאָך פעדקע, איוואַן דעם טיפּאָגראַפּשטשיקס אַ זון. אַ פיינע פּיירע, נישקאָשע.
— נו, יאָ. דאָס וועט שוין אויסוואַקסן אַ טאַכשיט!..
— דו ביסט אַ מיוון, וואָס אַ יונג אַרבעט אויס. אַך, טי ריבוינעשעלוילעם!
און אינדערעמעסן האָט פעדקע טאַקע אָפּגעטון מאַיסים אַפן טייך.
אָט קריכט ער, קריכט אַף אַלע פיר איבער אַ דין שטיקל אייז, דאַ שפּאַרט ער זיך אָן אַפן שטעקן און שפּרינגט אַריבער איבער אַ פלעק וואַסער, דאָ לויפט ער אַרום איבער איין שטיק אייז פון עק צו עק און האָט ניט דורכוואַנען אַרויס; אָט-אָ איז מעכויעוו באַלד אָנשפּאַרן אַף אים אָט דער קריע-באַרג און וועט צעמאָלן אַף טאַבאַק אונזער אינגעלע, ס'וועט פון אים אַפילע קיין סימען ניט בלייבן. אָבער, עפּעס אַזוי ווי דורך אַ וואונדער, איז דער יאַט ווי אַ מיקל אַרופגעשפּרונגען אַפן סאַמע רוקן פונם באַרג, דערנאָך געשיקט אַראָפּגעפּאָרן פונדאָרט, און שפּרינגט שוין ווייטער אַרום, ווי דאָס מיקל, פון איין שטיק קריע אַף דער צווייטער.
אַפן ברעג איז געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. יונגוואַרג זיינען פאַרשטיינערטע געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. די עלטערע האָבן זיך געערגערט און האָבן פּלייסיק נאָכגעשפּירט נאָכן „פאַרשייטן שייגאַץ", נאָך יעדער מינדסטער באַוועגונג זיינער. טאָמער עפּעס אַ האָר אָן דער זייט, ווערן אַלע אופגעקאָכט, און אַנדערע הייבן אָן רופן פונדאַנעט און גיבן פאַרשיידענע אייצעס.
— רעכטס, רעכטס נעם זיך, הונט מיט אויערן דו!
— וואוהין רעכטס? — שלאָגט אַ צווייטער איבער דעם באַל-אייצע, — איר זעט ניט, אַז דאָרט איז וואַסער? ! זאָל ער בעסער איבערוואַרטן, אָן-אָ וועט אים אונטערשווימען אַ צווייטע שטיק קריע... עי, ריר זיך דאָרט ניט, שטיי, שטיי אַף איין אָרט!

נאָך א גליק, וואס פעדקע קאָן דאָרט ניט הערן קיינעמס אייצעס, און אָט איז ער שוין צו מאזל אַפן צווייטן ברעג.

יונגוואַרג האָבן פאַר פרייד געגומען קוויטשען, זיך שלאגן צווישן זיך און וואַרפן שטיינער אַפן אייז. די עלטערע האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געשאָקלט מיט די קעפּ:

— וואָס א יאַט קאָן! זיי זידלען אים אַפילע אָבער שוין גאָר אָן קאַס און אָן פאַרדראָס. אַ פיין באָכערל! ניטאָ וואס צו רעדן.

— ווי אַזוי ער האָט זיך עס אַריבערגעקאַראַבקעט, אַזאַ קעלעוו, האַ?

פעדקע מאַכט פונדאָרט מיט דער היטל, אפן שטעקן אָנגעטון. יענער ברעג איז אינגאַנצן ליידיק, דערפאַר וואָס קיין מענטשן קאָנען זיך איצט ניט דערשלאָגן אהין — ציען זיך דאָרט נאָר פלויטן און ווענט.

— ווי אַזוי-זשע וועט ער זיך עס קלייבן צוריק אַהער? קאָן דאָס זיין, אז מיט דערזעלבער פּאָטשט?

— איך זעט? אזוי ווי געטראָפן! ער איז שוין צוריק אף דער קריע.

פעדקע האָט, ווייזט אויס, ליב ס'זאָל זיין גערעדט און געטון.

ער איז שוין טאַקע פונדאָסניי אף דער קריע. אָט שפרינגט ער פון איין שטיק אף דער צווייטער. אַפן ברעג זיינען אלע אנשטילט געוואָרן און נעמען קיין אויג ניט אראָפּ פון דעם אויסערגעוויינלעך געוואַגטן יאַטל. קיינער האט זיך שוין ניט געקליבן געבן קיין אייצעס. קיינער האָט זיך נים געזידלט. אַלע בליקן זיינען נאָר אריינגעזעצט אינם קליינעם מיקל, וואָס פויזעט, לויפט אום און אייסעקט זיך צווישן דער קאָכיקער גרויער קריע. אַזאַ מין פיצינקער מיקל — און, דו ביסט א מיליון, ווי ס'האלט אין איין איבערקליגן די איימעדיק גרויסע רודעס אייז, וועלכע שפארן זיך אף אים מיט א קנאַקעריי, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך אומיסטן געקליבן צעררייבן אף טאַבאַק אָט דאָס קליין באַשעפענישל.

איר זאָלט אָבער זען, ווי דאָס באַשעפּעניש'ל טאָפּטשעט זיך אַף דער גרויער שפּאַרנדיקער קריע, און אָפּט מאכט עס נאָך מיטן ברעקעלע שטעקעלע, וואס ס'האלט.

— אַן אַרעסטאַנט אין דער וועלט! — האָט עמעצער אָפּגע-זיפצט בעאייס פעדקע האט זיך אויסגעדרייט פון אן איינגער לאַגע.

און דער „אַרעסטאַנט" האָט זיך בעאייס-מאַיסע אלץ מער און מער דערנענטערט.

אָט איז ער שוין גאָר נאָענט. מ'זעט, ווי פלינק ס'יאָגן בא אים אום די אייגלעך הין און צוריק. דאָס זוכט ער אַזוי אַן אָרט, וואוהין אריבערצושפרינגען. געפונען, שפּאַרט מען זיך אָן אפן שטעקן. דער שטעקן האט זיך אויסגעגליטשט? א פעסטן זעץ אָנם אייז — און זיך ווידעראמאָל אָנגעשפּאַרט. איינס — און מ'איז שוין אַף דער צווייטער שטיק קריע. א שעדישער יאַטל! ווי אַ קאַץ שפּרינגט עס.

אָט איז ער שוין, דער פאַרשוין, אַפן ברעג. ארום איז א געשריי און א געפילדער פון די כאַוויירים.

— אָט א כעוורעמאַן! שוין איינמאָל א יאט! אָט ווי אַזוי מ'דארף!

— נו, ס'איז אָבער דיין גליק, וואָס דו ביסט א געשיק-טער יאַט. —

אָט דאָס אלץ טאינען אַריין עלטערע און שאָקלען צו מיט די קעפּ. אָבער מ'זידלט זיך שוין ניט און מ'איז שוין ניט בייז: נו, ווער קאָן דען עפּעס האָבן צו אַזאַ געוואַגטן כעוורעמאן?

---

טאָליען האָט אַזש דער אָטעם פארכאַפּט, אַכטונגעבנדיק, ווי פעדקע קאַראבקעט זיך איבער דער קריע. די אייגלעך האָבן זיך בא אים צעברענט און דאָס האַרץ האָט שטארק געקלאפּט. דאָ ליגט, דאַכט זיך, ניט קיין איבעריקער סייכל אין דער קריע. אָבער ס'א פרייד ס'איז און ווי ס'פאַרכאַפּט עס דאָ אַלעמען אַרום! וואָלט זיין קעדאַי אויך איבערמאַכן דיזעלבע שפּיל. מע

דאַרף נאָר די קאַלאָשן אַראָפּוואַרפן, ווארום אין זיי איז טאַקע בעמעס שווער. אָבער כוצדעם, איז דאָ גאָרניט קיין סייכל-דיקס. מ'קאָן נעמען בא פּעדקען דעם שטעקן, אריינשטעקן אין אייז און שפּרינגען. ס'אַ גרויסע מעציע!

און בעשאַס פּעדקע איז אַרויס אַפן ברעג, בעשאַס די יאַטן האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן געקוקט אף אים מיט פּאַרכאַ-פּונג און פרייד און אים באַטראַכט ווי אַ העלד, האָט טאָליע דערפילט, אז ער וועט אויך קאָנען איבערמאַכן דאָסזעלבע. און ער וועט ניט נאָר קאָנען — ער וועט עס טאַקע נעמען און טון.

און צו קיינעם זיך ניט אָפּרופנדיק, האָט ער אינדערגיך אַראָפּגעוואָרפן די קאַלאָשן, אַראָפּגעוואָרפן פון אַקסל דאָס רענצל און איז צו צו פּעדקען.

— גיב מיר דיין שטעקן, — זאָגט ער.

פּעדקע קוקט זיך אום פאַרכידעשט אַפן פּאַניטש.

— אַף וואָס דאַרפסטו?

— איך וויל אויך איבערגיין אַף יענעם ברעג.

— וואוהין?

— אַף יענעם ברעג.

ספּירקע און סטיאָפּקע האָבן זיך גענומען שמעלצן, אָבער פּעדקע האָט ניט געלאַכט.

— נו, און אויב דו וועסט אַריינפאַלן אין וואַסער?

— האָב קיין מוירע ניט, איך וועל ניט אריינפאַלן, גיב!

— פאָלג מיך, טאָלקע, מ'דאַרף ניט. דו וועסט ניט וויסן ווי אַזוי.

— אוי, וויי, נאָר דו איינער ביסט א וויסער? נו, גיב אַהער! וואָס, דיר איז עפּשער אַן אויירע דעם שטעקן?

— קאָנסט נעמען, — האָט פּעדקע אַ קנייטש געטון מיט די אַקסלען, — אָבער זע, זאָלסט קיין כאַראָטע ניט האָבן...

טאָליק האָט גענומען דעם שטעקן און איז אוועק צום ברעג.

— וואוהין ווייטער? וואָס איז? ווער? וואו? — האָט זיך דער אוילעם ווייטער צעשריגן, זעענדיק טאָליען אַפן אייז.

אָבער טאָליע האָט פונקט ווי פעדקע, וועלנדיק אויסמיידן דעם אוילעם, אַוועקגעלאָפן און איז איבערגעשפרונגען אף דער צווייטער שטיק אייז.

אין דערזעלבער ווײַלע איז אָנגעשוואומען א גאַנצער באַרג קריע און האט אָפגעשניטן טאָליען פון ברעג.

טאָליע האט זיך דערפילט איינער אליין צווישן די מוירעדיק קאָלטע שטיקער קריע, וועלכע זיינען געקראָכן איינע אף דער אַנ-דערער, האָבן זיך געשפאַרט, געשטופּט, געקנאַקט און געדרייט זיך.

דערווייל איז אפן ברעג געוואָרן אַ געשריי און אַן אופגעלויף. האָט זיך טאָליע שוין אינגאַנצן פארלארן, און ער וויל שוין לויפן אַף צוריק. איז עס אָבער ניט פון די גרינגגע זאַכן — פונפאָרנט האָט ער פאַר זיך אַ גאַנצן פאַס וואסער און פונונטן שפּאַרט אַן איימעדיקער אייזיקער פעלז. דאָס סיקעט ער זיך, וויײזט אויס, אומיסטן אף אים, אף טאָליען, וואָרום אָט קריכט ער די גאנצע צייט און לאָזט ניט אָפּ זיין שטיק קריע.

טאָליע האָט זיך זייער דערשראָקן. ס׳איז אים געווארן אַזוי קאָלט אין די הענט, די פיס זיינען געוואָרן אָפּגעשוואכט און זיי פאָרן ארום איבערן גליטשיקן אייז. אים גלוסט זיך אַנידערפאַלן אַפן אייז, זיך צוטוליען צו אים מיטן גאַנצן לייב און מאַכן אַ געשריי, עפשער וועט אים עמעצער קומען ראַטעווען.

אָבער אפילע אזוי טון האָט ער זיך אויך מוירע געהאַט. איז ער נאָך געבליבן שטיין ניט-אַהער, ניט-אַהין און ס׳גיסן זיך אים שוין טרערן פון די אויגן.

און דער אוילעם אפן ברעג קאָכט זיך, מ׳אייצעט זיך, מ׳שרייט ווי אזוי מען זאָל ראַטעווען טאָליען און קיינער ווייסט ניט וואָס צו טון, וואָרום אײַנער אייצעט אזוי, דער צווייטער אַנדערש, דער דריטער זאָגט גאָר פידרעך. אלע גייען נאָך מיטן ברעג נאָך דער שטיק קריע, אף וועלכער טאָליע שטייט און וויינט. מ׳שרייט, מ׳מאַכט איינער דעם אנדערן מיט די הענט, מ׳שיקט ערגעץ אום.

און טאָליע שווימט זיך בעאייס-מאיסע אַלץ ווייטער און ווייטער. ער האָט שוין אפילע ארויסגעלאָזן דעם שטעקן פון די הענט און

ער קוקט אויף די רויטע דערפרווירענע פינגער און טרערן פאלן אויף זיי גאנצע ריטשקעסווייס.

עטלעכע זייערע פון די דערוואקסענע האבן זיך געפרואווט דערקלייבן צו טאליען איבער דער קריע פון אנקעגן, אבער די שטי-קער האבן זיך אין איין ארט אויסגעדרייט, און דא האבן זיי זיך געבראכן אונטער די פיס, און איינער א שניידער האט זיך דא שיר ניט אפגעבאדן אף אייביק.

דערווייל האט זיך פעדקע פון ערגעץ אראפגעוויזן. ווען טאליע האט זיך נאר-וואס דערשראקן, און אלע האבן געזען, ווי ער האט זיך עס פארלארן, איז פעדקע געווען ערגעץ-נעלעם געווארן. מ'האט שוין אפילו אף אים געוואלט אנשרייען, וואס ער האט אונטערגעפירט דאס פאניטשל אף אזא סאקאנע. אבער קיינער האט ניט באמערקט, ווי ער האט פלוצים ניט געסטאיעט אזוי ווי אין וואסער אריין.

— אהא, האסט זיך שוין גוט דערשראקן, הונט מיט אויערן? ארעסטאנט איינער, אונטערגעפירט א יאטל און אליין איז ער אנטלאפן!

איז אט, ווען בעשאס אלע האבן זיך געטומלט, זיינען אומ-געלאפן און ניט געוואוסט ווי אזוי ראטעווען טאליען, האט פלוצים, ווי פון אונטער דער ערד ארויס, זיך אראפגעוויזן פעדקע. אין די הענט האט ער געהאלטן א לאנגן-לאנגן שטעקן, אין וועלכן ער האט אנגעהויבן פארקלאפן צוויעכעס. און אין גאנג קוקט ער זיך אלע ווייל אום פארגאפט אין טאליעס זיים. ספירקע מיט סטיאפ-קען האבן פון אלע קויכעס געארבעט, טאמער מיט וואס אים עפעס דעלפן, פעדקען.

נו, דער צוואק איז פארקלאפט, ער האלט זיך גוט.

— א נו, עי, לאזט א וועג!... אראפ פון וועג!...

אלע האבן אפגעטראטן אף א ווײלע, זיך אונטערגעבנדיק דעם געשריי. ערשט טו נאר א קוק,—ווייטער אמאל דער ארעסטאנט.

אבער ער שלעפט זיך מיט א שטאק. צי קלייבט ער זיך ניט אפטמאל ראטעווען דאס פאניטשל?

— וואוהין איז וויטער, שמאַראָוואָז?
— לאָזט אַ וועג!... נו, ניט געקלערט, אַ וועג לאָזט!
פעדקע האָט זיך דורכגעשטויסן דורך דער איינגשאַפּט, זיך אויסגעקליבן אַ שטיק קריע און איז אַרופגעשפּרונגען.
— וואַרט אויס, טאָלקע! באַלד בין איך לעם דיר, וואַרט אויס, לויף ניט אום, שטיי אַף איין אָרט.
טאָליע, ווי נאָר ער האָט דערזען פעדקען, האָט ער זיך אופגעכאַפּט און געוואָלט שוין לויפן אַנקעגן, אָבער פעדקעס באַפעל האָט אים אָפּגעשטעלט.
ס׳האָט ניט געדויערט קיין פינף מינוט, און פעדקע איז שוין געווען אַף טאָליעס שטיק אייז.
— נו, איצט גיב אַ האַנט!... קום נאָך מיר. אָבער וואָס איז די מוירע? שפּאַן פעסט. נעם דעם שטעקן און שפּאַר זיך אָן. נו, יאַ, גוט!
... כאָטש וואַרט אויס!... שטיי!... איך וועל איבערשפּרינגען און דו שטיי-צו.
— אוי, גיי ניט אוועק!... אוי, איך האָב מוירע! און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן פעדקען און לאָזט אים ניט אָפּ.
— אָבער וואַרט אויס אַ ווײַלע!... אָט אַ שויטע!... איך וועל איבערשפּרינגען, וועל איך צושטופּן צו דיר מיין שטיק אייז, וועסטו זיך איבערגיין. דו וועסט דאָך איינער אליין ניט שפּרינגען!
פעדקע איז איבערגעשפּרונגען, צוגעלאָפן צום עק פון זיין שטיק קריע און מיטן שטעקן זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ שכייניקשער שטיק אייז. די שטיק קריע האָט אַ שורשע געטון און זיך צוגערוקט צו טאָליען.
— איצט קום אַריבער אַהער. נו, פאַרשטייסט שוין אַן אייסעק? איצט קום נאָכאַמאָל אַהער ביזן סאַמע עק!... גיי גלייך, ניטאָ וואָס ציטערן! דאָ שטעל זיך אָפּ. שטיי, האָב קיין מוירע ניט! איך גיי אַף צוריק און איך שטופּ דיך צו צום ברעג...
פעדקע איז איבערגעלאָפן צום צווייטן עק און זיך נאָר גענומען אָנשפּאַרן מיטן שטעקן אין גרונט פון טייך, ווי ס׳האָט אַ

טרישטשע געטון אונטער זיינע פיס. די קראכיקע שטיק אייז האָט זיך צעשפּאָלטן אַף צווייען, און פעדקע האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט אַראָפּ.

דער אוילעם איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט.

אָבער פעדקע האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר דער שטיק קריע און ער האָט זיך מיט אַלע קויכעס גענומען ציען אַהער, ס'זאָל אים ניט אַראָפּטראָגן דער שטראָם. אָבער אַף דעם נאָר־וואָס באַפרייטן פּאַס וואַסער האָט זיך שוין אָפּגעזוכט אַ שאָכן — אַ פרישע שטיק קריע. זי וועט אים אַראָפּשמייסן, פעדקען, וועט זי אים.

טאָליע האָט עס דערזען, האָט ער געמאַכט אַ גוואַלד און גענומען אַרומלויפן איבער דער שטיק אייז.

— טאָליע! טאָליע! — האָט גענומען פעדקע שרייען, — גיב נאָר מיר גיכער דיין שטעקן... דעם שטעקן גיב אַהער, וועל איך אַרויסקריכן.

אָבער אין דערזעלבער רעגע האָט די אייז־שטיק זיך אָפּגע־שלאָגן אָן ברעג און טאָליע, אַבי ער האָט עס נאָר דערזען, איז ער פייל פון בויגן אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד.

סטיאָפּקע, ספּירקע און נאָך יאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטון צו פעדקען און אים דערלאַנגט דעם שטעקן. פעדקע איז אָבער געוואָרן אײַנגאַנצן גרין און בלוי; ער האָט נעבעך געוואָלט זיך אָנכאַפּן פאַרן שטעקן, אָבער די האַנט איז אים פאַרקילט געוואָרן און פאָלגט שוין ניט גאָרניט.

און צוגיין צו אים איז אומעגלעך: די אייז־שטיק בייגט זיך, זי נעמט זיך אָן מיט וואַסער און קען נאָך ווידער אַמאָל פלאַצן.

— סטיאָפּקע, לייג זיך אַפן אייז און רוק זיך צו צו מיר, — האָט פעדקע אויסגעשריגן.

פון ברעג האָבן די עלטערע עפּעס געליאַרעמט, אָבער די יאַטן האָבן זיך ניט צוגעהערט. סטיאָפּקע האָט זיך אווקגעלייגט און גענומען פויזען צו פעדקען.

— קריכט דאָרט אַראָפּ פון דער קריע, ווער ס׳איז אַן איבע־ריקער! — האָט סטיאָפּקע זיך אומקוקנדיק אויסגעשריגן.

אָבער אין דער רעגע האָט איינער פון די כעוורע דערלאַנגט סטיאָפּקען אַ בינטל פּאַסקעס, וועלכע סטיאָפּקע האָט אַ וואָרף געטון צו פעדקען.

— כאַפּ, פעדיע, כאַפּ גיכער, לעבעדיקער, פעדקע! די אייז־שטיק שווימט!

פעדקע האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אָבער ער האָט זיך צוריק מיט איר אָנגעכאַפּט פאַרן אייז.

— איך קען ניט! — האָט ער אַ זשוזשקע געטון. — די הענט האַלט; ניט, איך וועל באַלד אומפאַלן...

און אינמיטן דרינען האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון מיט די ציין פאַרן בינטל, האָט אָנגעלאַמעט אַ פולן מויל, די ציין שטאַרק צונויפגעדריקט און אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט — „שלעפּ".

סטיאָפּקע, די איבעריקע יאַטן און אויך עלטערע האָבן גענו־מען שלעפּן פעדקען.

— לאָז זיך ניט אָפּ, פעדקע, האַלט זיך, ס׳מאַכט ניט אויס!.. לאָז ניט אָפּ נאָך איין ווײַלינקע. בראַוואָ!

פעדקע איז געוועזן אינגאַנצן גרין און בלוי — פון קעלט און אויך פון דעם, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן מיט די ציין פאַרן רימען. אָבער ווי נאָר מע האָט אים אַרויסגעשלעפּט אויף דער טריקעניש, אזוי האָט ער זיך גלייך געשטעלט אויף די פיס און האָט גענומען אינדערגיך אַרומטאָפּטשען און מאַכן מיט די הענט. די וואַסער האָט זיך פון אים געגאָסן, ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, אָבער פעדקע הערט זיך ניט-צו צו אַזעלכע זאַכן.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — זאָגט ער, — ס׳מיר ניט דאָס ערשטע מאָל. היינטיקן ווינטער בין איך שוין דריי מאָל געוועזן אונטערן אייז. מ׳דאַרף זיך נאָר דורכלויפן אַביסל, וועט עס דורכגיין.

מ׳האָט אים אָבער ניט געלאָזן זיך דורכלויפן...

ניט פונוואנען — ניט פון וואָס זיינען אַהער אריינגעפאַלן טאָליעס טאַטע מיט דער מאַמע און אויך פעדקעס מאַמע. טאָליע, דער־זעענדיק זיינע לייט, האָט אים גענומען וואַרפן אין צעניאָריקע קאַדראָכעס, און ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו זיי מיט געוויין.

— טאַטעלע, מאַמעלע, איך בין ניט שולדיק, איך בין ניט שולדיק!

אָבער זיין טאַטע מיט דער מאַמע האָבן אים ניט געלאָזן דערעדן. זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטון פאַר די הענט, אים אַ ריס געטון פון אָרט און אים אַוועקגעשלעפּט אַהיים.

פעדקעס מאַמע האָט אויך אויפגעכאַפּט פעדקען און האָט אים געגעבן אַ זעץ איבערן קאָפּ, אַז ס׳האָבן זיך בא אים אַ שאָט געטון פונקען פון די אויגן.

— אַהיים, איראָד! איך וועל שוין דיר דאָרט דערציילן!—און זי האָט פעדקען געגעבן אַזאַ צי, אַז ער האָט שוין געמוזט לויפן. פעדקע האָט נאָך ווייל ער לעבט ניט געזעען, זיין מאַמע זאָל זיין אַזאַ צעקאַסטע און אַזאַ בלייכע.

און פונפאָרנט האָבן טאָליעס עלטערן געשלעפּט טאָליען. יענער האָט זיך אלע רעגע פאַרטשעפּעט, האָט עפּעס געשריגן און גע־וויינט אַף אַ קאָל. די עלטערן האָבן אים עפּעס אָפּגעענטפערט און האָבן אים אַזוי געטאָרמאָשעט, אַז בא טאָליען איז עטלעכע מאָל אַראָפּגעפאַלן דאָס היטל פון קאָפּ.

פלוצים האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און האָבן גענומען וואַרטן אַף פעדקען מיט דער מאַמע.

— ער איז געווען אַפן אייז? — האָט טאָליעס טאַטע איבער־געפרעגט פעדקען מיט רעציכע.

פעדקען איז געווען זייער קאַלט, די ציינער האָבן אים אָן אָן אופהער געטראַסקעט אין מויל. דאָס גאַנצע לייב האָט אים ווי געטון פון דער מאַמעס שטורכאַטשעס. פונדעסטוועגן האָט זיך אים איינגעגעבן דערזעען, אַז בא טאָליעס טאַטן איז שיר ניט אַרויס קיין שוים אף די ליפּן און די אויגן זיינען בא אים אָנגע־גאָסן מיט בלוט. און טאָליע פאַרייסט אַלע ווילע דעם קאָפּ מיט

שרעק, דאָ צום טאַטן און דאָ צו דער מאַמע, און בעט זיך מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— איך בין ניט שולדיק, ניט שולדיק!

— שטום!! — האָט אף אים אָנגעשריגן דער פאָטער און האָט זיך ווייטער אומגעקערט צו פעדקען.

— ער איז געווען אפן אייז?

— געווען, — זאָגט פעדקע, און די ציינער קנאַקן אים אין מויל.

— ס'ניט ריכטיק... ניט ריכטיק, — האָט זיך טאָליע פארטרייסלט מיט אַ נאָך מער ציטערדיקער און דערשראָקענער שטים. — איך האָב ניט געוואָלט גיין, האָבן זיי מיך אַוועקגעשלעפט אַפן טייך.

און דערנאָך האָט מיך פע-פעדקע גענומען און ארופגעשטופט אַף דער קריע... פ-פרעגט אלעמען... איך בין ניט שולדיק.

פעדקע האָט אַזש אין דער קעלט פאַרגעסן און האָט גענומען אָנקוקן טאָליען.

און פעדקעס מאַמע האָט זיך אָנגעצונדן אַפן אָרט:

— אַך, גאָט, מיין גאָט! און וואָס קלערסטו דאָס זיך, שעד פון בלאָטע? דער טאַטע וועט דאָך דיך צעקאַטעווען אַף שטיקלעך, ער וועט דאָך פון דיר די הויט אַראָפּשינדן, ער וועט דאָך דיך קיין לעבעדיקן ניט איבערלאָזן! און פאַרוואָס האָבן דיך עס די ניט-גוטע ניט ארייַנגעשלעפט שוין צו זיך אין די וואַסערן? איך זאָל פון דיר אינגאַנצן פאָטער ווערן, אָפּגאָט הונטישער!

און זי האָט מיט אלע קויכעס אַ שנייד געטון פעדקען איבערן קאָפּ. פעדקע איז אַזש אומגעפאַלן אף איין קני, און געכאַפּט מיט די הענט פארשטעלן דעם קאָפּ. די מוטער האָט זיך געקליבן דערלאַנגען דעם צווייטן זעץ.

— וואַרט אוף, איוואַנאָוונאַ, — האָט זי טאָליעס טאַטע אָפּגע-שטעלט און האָט אונטערגעהויבן פעדקען.

— שטיי אוף!.. וואַרט אויס אַ ווייַלע, איוואַנאָוונאַ!... איך וועל אים פרעגן... פעדקע, איך גלויב דיר, איך ווייס, אַז דו לייקנסט קיינמאָל גאָרניט, טאָ לייקן-זשע איצטער אויך ניט. זאָג, דו האָסט געשלעפּט טאָליען אפן טייך?

פעדקע האָט זיך געטרייסלט, די קניעס האָבן זיך אים געבויגן און זייַנען אים אומגעפאָרן אָט אַהער אָט אַהין. ער האָט געשוויגן.

— רעד-זשע, נעווייִלע, — האָט אים די מוטער אַ צופּ געטון.

פעדקע האָט דערלאַנגט אַ קוק אַף טאָליען. יענער שטייט מיט פולע אָנגעגאָסענע צעשראָקענע אויגן און קוקט גלייך אַף אים. די טרערן רינען בא אים איבער די באַקן און פאַרהאַלטן זיך בא די ווינקלען פון מויל. טאָליע האָט זיי אַלעמאָל אַווטאָמאַטיש אַראָפּגעלעקט מיט דער צונג, און אַלעמענס אויגן קוקן אַף פעדקען און מ׳וואַרט עפּעס אַף „ערגערס פון ערגער״.

— נו, זאָג-זשע, פעדקע, — שטייט צו טאָליעס טאַטע מיט אומגעדולד.

פעדקע האָט אַראָפּגענומען די אויגן פון טאָליען, זיך אָנגעבויגן און זאָגט שטיל:

— האָב אים געפּירט.

— און האָסט אים געשטופּט אַף דער קריע?

— האָב געשטופּט...

— ביסטו דאָך טאַקע א פאַרכוטש! — האָט טאָליעס טאַטע אויסגעשריגן און דערלאַנגט פעדקען א בייזן פּליאַסק איבערן פּאָנעם. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעקערט צו פעדקעס מאַמע און האָט געזאָגט:

— איך האָף, אַז אַף היינטיקס מאָל וועט זיך שוין אייער מאַן מיט אים אָפּרעכענען, ווי געהעריק... אַניט, מעגט איר זיך גאָר אַרויסקלייבן פון מיין דירע.

בא פעדקען איז ווידעראַמאָל אַראָפּגעפלויגן דאָס היטל פון קאָפּ, בעאייסן קנאַק, וואָס ער האָט געלייזט פון טאָליעס טאַטען. ער האָט זי אונטערגעהויבן און זיך אומגעקוקט אַף טאָליען. אָבער טאָליע האָט זיך שוין צוגעטוליעט צו זיין מאַמע. און יענע האָט אים שוין געגלעטגט און אים שוין געהאַלטן אין איין איבערבעטן.

און אינאָוונט, ווען פעדקעס טאַטע האָט שוין געדאַרפט קומען פון דער אַרבעט, האָט פעדקע געהוסט און זיך אַרומגעלעקט די הייסע ליפּן. אים איז געווען זייער הייס.

— אַהאַ, ער באַכעט שוין, דער אָפּגאָט ?... — האָט זיך די מוטער אָפּגערופן באַם אויוון שטייענדיק, — האָב נאָך צייט, האָב צייט, דער רוך וועט שוין דיך אינגאַנצן נעמען... זאָל נאָר דער טאַטע קומען און דיר נאָך אָנפּלאַמען מ׳טן רימען. וואָס, פאַראַן היץ?

— פאַראַן... — האָט פעדקע שטיל געענטפערט און האָט זיך אַליין צוגעקוקט, ווי אין די אויגן באַ אים גייען אַרום עפּעס מאָדנע פלעקן אַזעלכע, געלע און גרינע.

אַז דער פאָטער איז געקומען, און די מאַמע האָט גענומען אויסדערציילן די מעגילע, איז שוין פעדקען אינגאַנצן געווען געל אין די אויגן. דער קאָפּ איז געווען מוירעדיק שווער און הייס. אַזוי שווער, אַזוי שווער איז ער איבערגעווען, אַז ער האָט זיך קאָם געהאַלטן אַף די אַקסלען. אויב ניט, האָט זיך אים געגלוסט נעמען דעם קאָפּ און אים ערגעץ אַנידערלייגן, צי אַפן טיש, צי אַף דער ערד, אָדער אַפילע גאָר אין אויוון אריין, — אַבי ערגעץ אַני־דערלייגן.

די מאַמע האָט עפּעס געטאַינעט, אָבער פעדקע האָט ניט געהערט, ער האָט אַפילע ניט געדיינקט, וואָס מיט אים טוט זיך איצט. ווי פון שלאָף האָט ער גאָר געזעען, אַז דער טאַטישע איז איבער עפּעס זייער בייז, אַזוי בייז, אַזוי בייז, אַז ער קען אַפילע קיין וואָרט ניט אויסרעדן, און ער כאַפּט זיך נאָך אַלעמאָל אָדער פאַרן גאָרגל אָדער פאַרן פּאַס.

דערנאָך האָט מען פעדקען געלייגט אַף דער באַנק און מ׳האָט אים געשלאָגן, וויפל ס׳איז אין אים אריין. אָבער פעדקע האָט עפּעס היינטיקס מאָל זיך אַפילע קיין צאַפּל ניט געגעבן. נאָר בעאייס דער פאָטער האָט אָפּגעלאָזן אַף א רעגע די האַנט, מיט וועלכער ער האָט אים געהאַלטן, איז פעדקע אַראָפּגעפאַלן אַף דער ערד און האָט זיך דאָרט אויך ניט גערירט.

— אופשטיי!... — האָט דער פאָטער א רעווע געטון און האָט א ריס געטון דעם זון פאַר דער האַנט, אָבער די האַנט איז דאָס מאָל געווען אַזאַ הייסע און דעם זונס פּאָנעם אַזוי וואונדערלעך רואיק, אַז דער פאָטער האָט איינגעלאָזן דעם רימען און זיך

איבערגעבויגן איבער פעדקען. פעדקע האָט שוין גאָרניט ניט געהערט און גאָרניט ניט געזעען.

---

און אין דריי טעג ארום איז ער שוין געווען אַ טויטער. אַ פּאָר מאָל, ווען ער איז געקומען צו-זיך, האָט ער זיך עפּעס געווען נאָכגעפרעגט, צי מ'האָט ניט געשלאָגן טאָליען. אַזוי פלעג ער עפּעס בורטשען, און ווייטער פאַרלירן די גדאַנקען. און אינם פיבער האָט ער עפּעס עמעצן געבעטן, געבייזערט זיך און אַלץ געהאלטן עפּעס אין דערפרעגן זיך בא טאָליען.

דער טאַטע מיט דער מאמע האָבן אלע דריי מעסלעס ניט אָפּגעטראָטן פון בעט. זיי האָבן זיך געטרייסלט איבער אים און שווייגנדיק געקעמפּט מיטן טויט. אָבער דער טויט האָט בייגעקומען.

אַפן פערטן טאָג האָט מען פעדקען באהאלטן. צום בייסוילעם זיינען געגאַנגען קינדער פון אלע שכיינישע גאסן. ספּירקע, סטיאָפּקע און האַווריק האָבן געוויינט, ווי ס'איז זיי צוגעקומען.

און טאָליע האָט זיך שטילערהייט געקוקט דורכן פענצטער. די מאמע זיינע האָט אים שטרייניג באפוילן, ער זאָל ניט וואַגן אַרויסגיין צו די גאסן-אינגלעך.

אָבער ער איז געווען זייער נייגעריק, אים האָט זיך געגלוסט זען פעדקע׳ס קאַלעמיטניקס לעוואיע.

ווען פעדקעס אָרן האָט זיך פאַרבויגן פון יענער זייט ראָג, און מ'האָט שוין קיינעם נישט געזעען, איז טאָליע אַוועק פון פענצטער, האָט זיך איבערגעדרייט אף איין פיסל און איז אוועק-געלאָפן זיך שפּילן מיטן צייזיקל. דאָס צייזיקל האָט ער געהייסן פעדקעס מאַמע זי זאָל אים אָפּגעבן, ווייל ער האָט עס געוואונען בא פעדקען אין א געוועט.

---

# שול־ און פּיאָנערן־ביבליאָטעק

ק.

1. דזש. ווערגא — געשטעמפּלטער געלער ........ 15
2. מולטאטולי — סאאיד און אדינדע ........ 15
3. דזש. לאָנדאָן — דערציילונגען ........ 25
4. טש. דיקענס — אָליווער טוויסט ........ 35
5. קאראָטי — ניני און טשיקא ........ 50
6. שאָלעם-אלייכעם — מאַיסעלעך (מעסופּעלעך, ראבטשיק) ........ 25
7. ל. טראָצקי — אהין און צוריק ........ 45
8. דזש. לאָנדאָן — בעק ........ 40
9. מ. גאָרקי — 9-טער יאנוואר ........ 75
10. א. אוליאנאָווא — איליטשס קינדער-יאָרן ........ 20
11. ס. לעשטשינסקאָיאַ — ראָזע לוקסעמבורג ........ 25

# פאָפולערע ביבליאָטעק

(סעריע בעלעטריסטיק — פאַר דערוואַקסענע)

ק.

1. דזשעק לאָנדאָן — אין נאָמען פון גערעכטיקייט . . . . . . . . 15
2. אי. באבעל — דערציילונגען . . . . . . . . . . . . . 15
3. הענרי — די וועגן, וואָס מיר קלייבן זיך אויס . . . . . . . . 15
4. זס. דיומעל — דערציילונגען . . . . . . . . . . . . 15
5. סאלטיקאָוו-שטשעדרין — ווי אַזוי איין פויער האָט צוויי גע-
נעראַלן געהאָדעוועט . . . . . . . . . . . . . . 12
6. ה. אועלס — גאָט — דינאַמאָ . . . . . . . . . . . . 12
7. ל. פראנק — אין לעצטן וואַגאָן . . . . . . . . . . . 15
8. דע-ווער-סטעקפול — אין די וועלדער פון קאָנגאָ . . . . . . . 15
9-10. דזשעק לאָנדאָן — א מעקסיקאַנער . . . . . . . . . . 24
11-12. א. קופרין — גאַמברינוס . . . . . . . . . . . . 24
13-14. מ. גאלד — דערציילונגען . . . . . . . . . . . . 25
15. ע. פײַנבערג — גאַלאָפ . . . . . . . . . . . . . 40
16. בונין, גאָלד, מיל — קנעכט . . . . . . . . . . . . 25

פרײַז 25 קאָפּ.

В. ВИНИЧЕНКО

# ФЕДЬКА ХАЛАМИТНИК

Кооп. Издат. „Культур-Лига“

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור־ליגע“
קיעוו 1926